STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00585

AMERIKE UN IKH

A. Glanz-Leyeless

Permanent preservation of this book was made possible by
Marcy Tager
in memory of
Philip Tager

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

א. לעיעלעס
אמעריקע
און
איך

צייכנונגען / יוסף פּאַשקאָ

תשכ"ג — ניו־יאָרק — 1963

A. LEYELESS

AMERIKE UN ICH

AMERICA AND I

שער-בלאַט און צייכנונגען
יוסף פאַשקאָ

COPYRIGHT 1963,
BY ISRAEL LONDON

געזעצט און געדרוקט בײַ
מאַרסטין פּרעס, אינק',
228 איסט 45 סט', ניו-יאָרק
אײגנטימער: י. לאָנדאָן

Published by
DER KVAL, I. LONDON, *Publisher,* NEW YORK, N.Y., U.S.A.

MANUFACTURED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK
438

צו אַמעריקע

כ'האָב ליב די שטאָלצע הימל־ליניע פֿון מאַנהעטן,
די טײַכן פֿון דעם לאַנד, די פֿריירים טויזנטיעריקע;
כ'האָב ליב די אויטאָס, וועגן, גלאַנציק ווי פּאַרקעטן,
כ'האָב ליב דעם חלום פֿון דער וואָר, וואָס הייסט אַמעריקע.

כ'האָב ליב דעם יונגן אימפּעט און דעם פֿרײַען אָטעם,
די שטימען האָפֿערדיקע, שפּראַכן אַלערלייאיקע,
דעם אויסגעמיש פֿון פֿעלקער, ראַסן, פֿאַרבן, שבֿטים —
פֿון דרומס זונלאַנד ביז דעם צפֿונס בערגער שנייאיקע.

כ'האָב דאָ געפֿונען ברויט צו עסן, קלייד צו טראָגן,
כ'האָב דאָ באַקומען ס'העכסטע מענטשלעכע געשענקעניש:
דעם גראַדן קוק, דאָס רעכט אַ ווילן צו פֿאַרמאָגן,
און כ'ליב דיך לאַנד, מיט צערטלעכקייט, מיט בענקעניש.

נאָך חרפּה און נאָך שרעק, נאָך לאַטעס און נאָך געטאָ,
ביסטו פֿאַר לעצטער האָפֿענונג דער לעצטער האַרבעריק.
דער גורל שטעלט דיר אַ געבענטשטע, העלע מעטע —
דו וועסט נישט נאָכגעבן דער שׂנאה, דער פֿאַרדאַרבערקע.

ס׳האָט אַלטע שׂנאה אָפֿט פֿאַרטראָגן אויך אַהערצו
מיט כוואַליעס פֿון דעם ים, מיט רשעות אינטריגאַנישער.
נאָר איבער אַלע ביטערע מוחות, בייזע הערצער,
האָט זיך געשטאַרקט דײַן פֿרײַער חלום דער וועלטמאַנישער.

ווי דײַנע וואָלקנקראַצערס רײַסן זיך צו הימלען,
רײַסט אויך דײַן זעל זיך פֿון דער טיף אָקעגן שלעכטיקייט.
ווי דײַנע אויטאָס אײַלן אומעטום אוןווימלען,
אײַלט אויך דײַן אומרויִקער גײַסט צו טאָן גערעכטיקייט.

האָסט נישט אומזיסט געבראָכן ווענט, געוואָרפֿן גדרים,
וואָלט וועלטמאַן איז נישט סתּם געווען אַ פֿאָרם־צעשמעטערער.
האָסט קראַפֿט געשעפּט פֿון אַלע פֿעלקער, רײַך צי אָרים,
און צאָלסט צוריק מיט האַס צו טמא מאַכט־פֿאַרגעטערער.

אין שטוב מיט זיך, אין גאַס מיט אַלע גאַסן־רוישן —
איך הער מיט אַנגסט די וויכערס רוצחישע, צעשטעריקע.
דו וועסט די געטיסבורגער טויטע נישט אַנטוישן,
דו וועסט מײַן ליבשאַפֿט נישט מבֿייש זײַן, אַמעריקע!

TRANSLUX
RKO
CLEOPA
EAT
TAXI

ניו יאָרק

מעטאַל. גראַניט. געררויש. געבראַזג. געפילדער.
אויטאָמאָבילן. הויך־באַן. טיף־באַן. קאַר.
בורלעסק. גראָטעסק. קאַפּעען. קינאָ־בילדער.
עלעקטריש ליכט אין גרילציקן ווירוואַר.

געזיכטער פֿרעמד און בליקן פֿול געפֿאַר,
קיין שמייכל, קיין גאָט־העלף, קיין נויג, קיין מילדער.
און בלאַנדזשעניש, און הענגענדיקער גזר,
און דזשונגל, און געדרענג און אומזין ווילדער.

ריווערסײַד דראַיוו

(דער פּאַלאַץ פֿון דער נאַכט)

פֿעסטע שוואַרצע מאַרמאָר־זײַלן,
גאָלדענע פֿענסטערלעך אַרום,
ווענט, וואָס האָרכן, האָרכן שטום —
שטייט דער פּאַלאַץ פֿון דער נאַכט.

פּליסיק־בלויע זילבער־פּײַלן,
אויסגעשפּרייטער פֿרידן, שטיל.
ווען נישט ווען אַ ווײַטער ביל —
שטייט דער פּאַלאַץ פֿון דער נאַכט.

פֿול מיט ווייגלידער דאָס וואַסער,
ליבלעך שושקעט אונז דער בוים,
גאָלד־און־בלוי געשטיקטער טרוים —
שטייט דער פּאַלאַץ פֿון דער נאַכט.

דאָ און דאָרט אַן אָפּגלאַנץ בלאַסער,
פֿרישער פֿײַכטער גראָזן־דופֿט.
קום, מײַן קינד, דו זעסט: עס רופֿט
אונז דער פּאַלאַץ פֿון דער נאַכט.

13 אָ. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

בײַם וואָקזאַל

גאַס אײַן, גאַס אויס, פֿון ראָג צו ראָג
און פֿון לאַמטערן־שטראַל צו שטראַל,
און אָט בין איך בײַם ציל באַגערטן —
בײַם וואָקזאַל.

ווי אַלע ראַש איך זיך און קוק
דאָרט אויף דעם גרויסן ציפֿערבלאַט,
און פֿרעג זיך נאָך אויף אַלע צוגן
אַקוראַט.

איך שטופּ זיך האַסטיק צו דער טיר,
וואָס פֿירט אַרויס צו דעם פּעראָן.
איך בין נערוועז און יעדע רגע
שטרענגט מיך אָן.

נאָר ווען עס קומט שוין אָן דער צוג,
בלײַב איך ווי עפּעס אין דער מיט.
איך פֿאָר אין ערגעץ און דערוואַרט אויך
קיינעם ניט.

באוערי

ער — אַ שיכּור, מיאוסער אַלטער
מיט פֿאַרטרערטע טריבע אויגן
און אינגאַנצן אײַנגעבויגן
אין דער נאַכט, דער פֿײַכטער, קאַלטער.

זי — אַ יונג נאָך, בייגיק מיידל
נאָר מיט אַ צעטרונקען פּנים.
וואַקלט זיך און שפּאַרט זיך אָן אים,
האָר צעשויבערט, צויטן ס׳קליידל.

ביידע לאַכן אָפּגעריסן,
זוכן ערגיץ וואו ס׳איז טונקל
און פֿאַרשווינדן אין אַ ווינקל.
טראָפּנס רעגן גיסן, גיסן.

קאָלאָמבוס סוירקל

קאָלאָמבוס סוירקל פֿאַרנאַכט — אַ געמיש פֿון לײַב און שטיין,
אַ צונויפֿלויף פֿון דער שטאָטס עשירות
מיט אַ שווינדזיכטיק נעגעריש געסל
פֿאַר זײַטיקע, אונטערטעניקע עדות
אויף דעם הפֿקר, הו־האַ און הויכקלעטעריי.

דעם פֿאַרגעסענעם דענקמאָל פֿון דעם גרעסטן אַנטדעקער
איז לאַנגווייליק פֿון די אויטאָס, עלעקטרישע רעגנבויגנס,
פֿון די פּאַטריאָטישע סטאַטועריעז,
וואָס באַוואַכן דעם פּאַרק פֿאַרן פֿאָלק, פֿון דעם פֿאָלק, דורכן פֿאָלק.
די דרײַסיק־פֿערציק־שטאָקערס אַרום —
אָט שטרעקן זיי זייערע גראַניטענע לאַפּעס
צו די מיידלשע הינטנדלעך,
וואָס טאַנצן אויף די פּרוזשינעס פֿון אַ כיטרען מעכאַניקער,
אַראָפּ און אַרויף, אַראָפּ און אַרויף,
מיט צוזאָג, מיט לאַדונג — ווער וויים וואָס פֿאַר אַ גליקן.

פֿון לאַנגוויל באַסעוועט פּינקטלעך מיט יעדן זייגער־קער
(ווער ס׳קאָן הערן — הערט)
די שטים פֿון דעם אַנטוישטן, פֿרומען קאָלומבוס:
ווער לעבן איז נישט אַ צופֿעליק איבערגעלאָזענע שילד,
וואָס שרײַט וועגן דערפֿאָלג, וועגן גרעסטער מציאה
אויף אַ פֿאַרהאַקטן, שוין לאַנג באַנקראָטירטן געשעפֿט?

די פּלאַזאַ

פֿיפֿט-עוועניו, פֿאַרפֿירערישע טאָכטער פֿון ניו יאָרק,
האָסט מיך פֿאַרפּאַכט אויף לעבנסלאַנג, איך נעם דיך בלויז אויף באָרג,

אַ שעה אויף באָרג. ניין, ווייניקער, אַ קאַרגע האַלבע שטונד.
אין אָט דער צייַט געטרייַ זייַ מיר, געטרייַ אין ליבשאַפֿט-בונד.
דייַן פּלאַזאַ האָט גענומען מיך, אַ וויליקן אין פֿאַנג,
אין יענער דורכזיכטיקער שעה פֿון ווייַסן זון-פֿאַרגאַנג,
ווען אין דעם האַרצן פֿון דייַן רויש, פֿאַרשפּרעכנדיק און שטיל,
גייט אויף דער גאָלד-קאַפּריזעדיקער שמייכל פֿון אַפּריל.

מינוט שלינגט אייַן מינוט, און ס'הענגט שוין איבער סענטראַל פּאַרק
אַ לויכטנדער, פֿיל-שפּיציקער און קרישלדיקער באַרג,
וואָס באַלד ווערט ער אַ קעמל, גאָלד-באַלאָדן, האָרב אויף האָרב.
גאָלד פֿאַלט אויף דעם אַספֿאַלט און שפּרינקלט פֿלעקיק אויף דעם קאָרב

פֿון דער פֿאָנטאַן-פֿיגור אין ווייַסן צענטער פֿון דעם סקווער,
און צינדט דעם בראָנזן-שערמאַן אָן מיט נייַעם זיג-באַגער.
דער מאַיעסטעטישער האָטעל שטייט שטיל און אימפּאָזאַנט,
און ווי אַ פֿעסטונג, וואָס היט אָפּ די זיכערקייט פֿון לאַנד,
באַהערשט זייַן ווייַסקייט איצט נאָך מער, ווי דורך דעם טאָג
די געגנט מיט דעם רויש, וואָס פֿלייצט אַהער פֿון יעדן ראָג.
די אויטאָס רוישן, בליאַסקען מיט נערוועזן שוואַרץ און געל
און שויבערן אין אימפּעט אויף — אַ שרייַאיק-רויטע וועל.
נאָר זע: די לייבן און פּאַנטערעס פֿון דעם גרויס-שטאָט-וואַלד,
וואָס לויפֿן אויף געיעג אויף האַרטע שטעגן פֿון אַספֿאַלט, —
איצט פּילדערן אומזיסט. אומזיסט אַצינד דער רעוונדער געאַייַל.
זיי מאַכן טיפֿער נאָר די רו, וואָס שלייכט פֿון וואַנט און זייַל.

17 א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

(די שטילקייט פֿון דער פּלאַזאַ! ווי אַ גאָטספֿאַרכטיקער גרוס
פֿון גאָר דער פֿרומקייט פֿון ניו יאָרק, וואָס האָט דעם איבערפֿלוס
פֿאַרפֿאַנצערט אין געטאָקטע קאַטעדראַלן דאָ אַרום.
פֿיפֿט-עוועניו איז גוט צו זיי, פֿיפֿט-עוועניו איז פֿרום,
אַ היים פֿאַר יעדן גאָט, פֿאַר יעדער ביזנעס אויך אַ היים.
דעפּאַרטמענט-סטאָרס און טעמפּלען — די זעלבע שטיין און ליים).

פֿאַרברוינטע פּלאַסטן שוויַיגעניש, ווי אַ פּיראַטן-שיף
וואַרפֿט פֿון דער ווײַט די גאָטהאַם-באַנק, אי צירליך אי מאַסיוו.
אַ גליוועער פֿון דעם גרויס-שטאָט-ריטם, וואָס בויט דורך נוצן — פּראַכט.
ניו יאָרקיש זעלבסט-באַוואוסט, גראַנדדאַמיש-רויִק און באַדאַכט,
אַריבער קוקט דאָס העקשער-הויז, אויף טורעמס — טורעם-שפּיץ.
פֿילפֿאַכיקער, גראַניט-געשמידטער, ווערטיקאַלער בליץ.
און דאָרטן אין דער הויך — אַ גאָלדענער, נאַיִווער האָן,
ווי רימסקי-קאָרסאַקאָווס „קאָק-ד'אָר", דאָס זעלבע זאָגט ער אָן.

ניו יאָרקער ליניעס. ריטם פֿון האַרצלאָז, שטיינערדיק געפֿעכט,
דאָס ווערק פֿון מענטשן-הענט, דער מענטש פֿון אייגן ווערק פֿאַרקנעכט.
גאָטס אָונטיקע זון באַלויכט פֿאַנטאַסטיש און באַשײַנט
אַ וועלט, וואָס האָט זיך זעלבסט פֿאַרכּישופֿט און זיך זעלבסט פֿאַרשטיינט.

פֿיפֿט-עוועניו! דאָ אויף דער פּלאַזאַ, קוקסטו זיך אַרום,
און ס'ווערט דערעסן דיר דער גלײַכער, גראַדער וועג. גיסט קרום,
ווי פֿון אַ זײַט, אַ בליק צוריק און אומרויִק פֿאָרויס,
און דיר געפֿעלט ניט, ווי עס לאָזט דײַן גראַדער וועג זיך אויס.
פֿאַרדרייסט זיך לינקס צום סענטראַל-פּאַרק, וואָס וואַרט פֿאַרבענקטערהייט
אויף דיר אין ראַנדעוואו פֿאַרנאַכטיק-סודותדיק און גרייט.

מעדיסאָן סקווער

קיין אָפּשטעל פֿון דעכער.
די ליניע אַלץ העכער.
צום הימל — אַלץ פֿרעכער.
גראַד. וויריל.
געמיטער כאַאָטיש.
געשפּאַנט, אַנטי־גאָטיש,
געשעפֿטס־דאָנקיכאָטיש.
צופֿאַל — סטיל.
ענערגיע קאָמפּאַקטע.
טראַפּעציעס געהאַקטע
פֿון ווילנס געוואַגטע.
מענער־זאָרג.
גראַנדיעז אין אומשיינקייט.
מיט חוזק צו קליינקייט.
פֿילפֿאַכיק אין איינקייט —
מײַן ניו יאָרק!

שטאָלץ וואונדער־ווערק פֿלעט־אײַראָן בילדינג, מאַן־געשטאַלט.
דו שנײַדסט אַרײַן זיך אין דעם סקווער, אַ העלד־זשאָנגלער,
די הענט און פֿים אויף הינטן, ווײַט דעם קאָפּ אַפֿער,
און ווילסט אַוועק. נאָר מענלעך צאַמסטו דײַן באַגער.
גראַד שטײַגט דײַן ליניע, מעטראָפּאָליטאַן, און ס׳שאַלט
דײַן ליד אַריבער יעדן קבצנס טרוים אין סקווער,
און ס׳פֿאַלט מיט שפּאָט דײַן לאַך אַראָפּ אויף דעם אַספֿאַלט.

און ענג אַרום געהאַקטע פֿורעמס, יעדער — אַבעליסק.
עס שפּיזן העלדן-טורעמס זיך אַרײַן אין זונענדיסק.
און פֿון אַ ווינקל קוקט דער „גאַרדן" דורך אַ שפּאַלט ,
רום פֿון אַ פֿריערדיקן דור, וואָס מער און מער
פֿאַרלירט זיך אין ניו יאָרק און לויפֿט פֿון זאָרג און ריסק.
נאָר ס'לאַכט פֿיפֿט עוועניו און ס'לאַכט בראָדוויי פֿאַרשײַט.
זיי האָבן בײדע ניט קײן חשק און קײן צײַט
צו טראַכטן, צי עס לוינט אַ סטיל-און-פֿאָרמען-בײַט.
זיי בײַטן זיך. דער סקווער — אַ צופֿעליקער האַלט,
אַ טרעפּעניש, וואָס האָט אין רוישיקן מאָמענט
געבוירן ריזן-זין פֿון אײַזן און צעמענט.

פֿ אַ ר נ אַ כ ט

שויבן בליצן, שויבן צינדן זיך אין סקווער.
ס'פֿינקלען ליכטער אויף פֿאַנטאַסטיש, פֿאָליגאָניש.
דרײַעקס, ראָמבן, האַלב סעצעסיע, האַלב האַרמאָניש,
טאַנצן פֿריילעך אויף אין פֿענצטער — גראַד און קווער.

צו דעם הימל ווינקען שפּיציק און סאַרדאָניש
פֿלעקן גאָלד און שוואַרץ. און ער — פֿאַרטיפֿט זיך מער,
הענגט צעשניטן שאַרף ווי פֿון אַ ריזן-שער,
גלאַנצט צוריק זײַן בלויקייט זײַטיק און לאַקאָניש.

די ווירילע טורעמס — ווייניקער געווינקלט.
באַלד און ס'דאַכט זיך : ס'קלײַבט אַ פֿאָלק זיך, רײַך באַשפּרינקלט
מיט שטורקאַצן צום פֿאַרשײַטן קאַרניוואַל.

20 אַ. לעיעלעס
אַמעריקע און איד

אַ דעבאַש אין סקווער. עלעקטריש-לעגענדאַריש
רוישט ער אָפּ אַ שעה, אָרגיאַסטיש און ווירוואַריש, —
זעלבסט-פֿאַרשיכּורטע כימערע, אומרעאַל.

ביינאַכט

איצטער איז רויִק. פֿאַרלאָשן די פֿענצטער.
ס'טוקן לאַמטערן זיך שטיל אין אַספֿאַלט.
ס'קוקן די טורעמס ווי שטיינער-געשפּענסטער.

שטייט די פֿלעט-אײַראָן מאַסיוו, גרוי און קאַלט,
הענגט מעטראָפּאָליטאַן שווערער און גרויער,
הורבען זיך אַנדערע סומנע ווי וואַלד.

יעדע געבײַדע איז איצטער אַ טויער
צו אַ בית עולם, וואו הינטער די ווענט
שלאָפֿן אַמביציעס און פּלענער פֿון בויער.

יעדע געבײַדע איז איצט מאָנומענט,
שטיינערנער שאָטן פֿון שטאָטישן פֿיבער,
דענקמאָל אויף אומרו, וואָס שאַפֿט און פֿאַרלענדט.

הינטער די שויבן, אין לײדיקע שטיבער,
לויערט דער דעמאָן פֿון חשבון און פּלאַן,
מאַכטלאָז אַ ווײַלע — זײַן צויבער פֿאַריִבער.

21

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

ערגעץ אַוועק איז אויף קאַר און אויף באַן,
ערגעץ פֿאַרשוואונדן די הילכיקע מענגע,
מענער און פֿרויען — דער שטאָט־קאַראַוואַן,

וואָס ווערט פֿאַרדרענגט דאָ אין פֿירעקן ענגע,
גלײַך אין פּאַפּירענע לייצעס געשפּאַנט,
האַרצלאָז מושטירט קעגן ציפֿערן שטרענגע.

טויט די פּאַפּיר־וועלט. אויף טיר און אויף וואַנט
הענגט נאָך אַ חלום, אַ צאָל ניט־געראָטן,
שלײַכט אַן אַמביציע, אָן מזל געפּלאַנט.

כ׳זע שוין איצט זיך, איך בין מער ניט פֿאַרשאָטן
אונטער דעם מאַכטיקן רויש און פֿאַרקער.
כ׳זע איצט אויך מענטשן און גרים זייער שאָטן.

קום איצט מיט מיר אין דעם מעדיסאָן סקווער.
לאָמיר שפּאַצירן אויף אָט דעם בית־עולם,
וואָס איז בית־עולם צוועלף שעה און ניט מער.

לאָמיר אים בענטשן: אַז גוט אים, אַז וואויל אים,
און אים פֿאַרגעבן, וואָס באַלד וועט אויפֿסנײַ
שטורמען זײַן קראַפֿט ווי אַ גאָט אָדער גולם.

אומשולדיק שוועבן די נעמען פֿאַרבײַ
אויף די מצבֿות. געהיימניספֿול טראָגט זיך
עכאָ נאָך עכאָ פֿון דער שטיינערײַ:

ס׳ליד פֿון די אויטאָס, וואָס האָבן געיאָגט זיך
הונדערטערווײַז דורך דעם טאָגיקן קרײַז,
ס׳ליד פֿון די זוילן, וואָס האָבן געטאָקט זיך

22

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

אַן טראַטואַרן — צענטוויזנטערוויַיז.
(אַלץ איז בייַטאָג דאָ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן
קעגן דעם שטאָלן־געמויערטן פֿליַים.)

מעדיסאָן סקוועער! טראָג זיך וואָכן צי יאָרן,
וועסט ניט געפֿינען קיין אָרט, וואו עס זאָל
העכער, געוואַגטער, צו דרייסטערן גאָרן,

שטייַגן די ליניע די גראַדע פֿון שטאָל,
יענע, וואָס פֿורעמט די שטעט און די לענדער,
שלייַדערט דאָרט מענטשן צונויף אָן א צאָל.

דאָ הערשט די ליניע די גראַדע, וואָס בענדער
שמידט זי פֿון אייַזן, צעמענט און גראַניט,
מאַכט פֿון דעם מענטשן אַ בויער־פֿאַרשווענדער.

דאָ אויך די צאָם פֿון דער ליניע. זי שמידט
וועגט צווישן מענטש און זייַן בענקשאַפֿט צום וואונדער.
קאָוועט אין פֿלאַכן, כאָטש ס'דאַכט אים, ער פֿליט —

קעגן דער ליניע פֿון הימל, דער רונדער.

וואָל־סטריט

ניט אַשורבאַניפּאַל.
ניט אַלעקסאַנדער.
ניט טאַמערלאַן.
ניט באָנאַפּאַרט.
איך —
וואָל־סטריט.
מײַן —
די הערשאַפֿט איבער טריקעניש און ים.
ניט מיט רויט. ניט מיט בלוט.
ניט מיט שווערד
און יאָגעניש נאָך ערד.
איך רעגיר
מיט פּאַפּיר
און מיט געלער בענקעניש.

אַ לענגלעכע געדרייטע הייל
צווישן געקעסטלטע, אײַנגעמויערטע געצן.
די געצן רײַסן זיך אַרויף, אַרויף,
מערן זיך אין דער הייך,
פֿאַרצערן שפּיצן פֿון קירכן,
שלינגען זון און הימל.
שמאָל איז די הייל,
טונקל און סומנע.

שטיין, שטיין, אומעטום שטיין.
און אונטערן שטיין

24

א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

דאָס האַרץ,
דאָס קאַלטע בלישטשענדיקע האַרץ
פֿון אַלע געצן.

אַרום אים,
אין אונטערערדישע געוועלבן,
הינטער אײַזערנע ווענט —
אַן אייביקער, פֿאַרטאַיעטער ריטואַל.
געלער בליאַסק,
און ציטערדיקע הענט פֿון כּוהנים-גדולים
אין פֿאַרכטיקער עבֿודה,
אויף אַלטאַרן פֿון גרויען צעמענט.

די פֿעלזיקע שערענגעס
קוקן גלײַכגילטיק, קוקן שווײַגיק,
און שווײַגיק זענען דאָ שטענדיק די מענטשן.
עס צעקײַקלט זיך אַמאָל מיט געלעכטער
די פֿינצטערע ערד פֿון קאַטאַקאָמב.
עס צעשרײַט זיך אַמאָל דאָס באַגראָבענע האַרץ —
נאָר מענטשן זענען שטיל און ערנצט,
טויטלעך ערנצט
אין וואָל-סטריט.

25 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

בײַ די טײַכן פֿון ניו יאָרק

בײַ די טײַכן פֿון ניו יאָרק בין איך געזעסן,
גאָרנישט פֿאַרגעסן, זיך גאָרנישט דערמאָנט
און נישט געוויינט.
ווי פֿאַרשטיינט איז אַ ווערבע לעבן מיר געשטאַנען,
כ'האָב זיך געכאַפּט צו דער האַרף, וואָס נישט פֿאַראַנען,
און זיך פֿאַרשעמט.
מיטאַמאָל איז אַ קול אַרויס פֿון דער ווערבע
און איך האָב פֿאַרנומען:
האָסט גענוג געזאַנגען צעהאַנגען אויף די טורעמס אַרום,
אַרײַנגעפּלאָסטערט אין ברוק.
איצט קוק.
ערשט די צווײַגן זענען געוואָרן פּנימער,
זיך שוויַיגיק געקליבן,
און אויף איטלעכן פֿאַרשריבן אַ יאָר,
אויף איטלעכן אַ זיגל: חלום — וואָר, חלום — וואָר.
און די פּנימער האָבן געלוגט מיט צעעפֿנטע אויגן,
מיך געמאָסטן, געוואויגן מיט אַ באַדויערן.
נישט טרויערן — איך האָב זיך געשטאַרקט.
פֿאַרוואָר, זאָג איך, ווי פֿול מיט אומרו איז מײַן זעל,
איז פֿול און העל געוועזן מײַן באַגער.
און אויב געציילט ווערט געציילט צום יום-טובֿ פֿון ליכטיקער פּאָן,
וועט דאָרט אַ דערמאָן אויך מיר זײַן געטיילט.
די פּנימער זענען נישט געוואָרן, די אויגן פֿאַרמאַכט,
ווי אַ זײַל נאַכט — די ווערבע, פֿינצטער, פֿאַרשטיינט.
איך האָב נישט געוויינט.

אין סאַבוויי

אײנס

אַ וואַנט.
אַ טעמפּע וואַנט פֿון מענטשן־פּלייצעס, הענט, פּיס.
אַ גרויער מויער מיט ווײַסע רונדע פֿלעקן.
אַ באַזיגטע אַרמיי אין אַ הייל, פֿאַרן מושטירן,
וואָס וואַרט אויף אָפֿענע טירן.

ניט קיין אויפֿגעפּראַלטע שטײַגן נעמען פּילדערן.
ניט קיין פֿעלזן נעמען זיך פֿון די גרונטן רירן.
די אַרמיי נעמט שפּירן
דאָס שלאַנגען זיך פֿון אַ סאַבוויי־צוג אין דער סטאַנציע
אַרײַן.

ווייניק טירן.
ווייניק טירן.

אינעווייניק אין געדרענג,
שטייענדיק און אויף בענק —
ווענט, ווענט.
פּלייצעס, הענט,
פּיס, פּנימער.
אַ קעניגרײַך פֿאַר אַ זיץ!
אַ קעניגרײַך פֿאַר אַ הענגער!
די וואַנט אינעווייניק לענגער,
געדיכטער, שטײַפֿער, ענגער,
די פּנימער גרויער, שטרענגער.

27 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

אַרײַן! פֿאַרקלאַפּט די טיר.
ריר־ריר.
לעבעדיקער קנויל.
אײַנגעהאַלטענער, פֿאַרשטיקטער זשום,
צאַרנדיק, וואָרנענדיק געפֿילדער.
געדרענגט און געדרענגטער,
פֿאַרביסענער, פֿאַרבענקטער,
טעמפּער און אָנגעשטרענגטער —
צו רו, נאַכט־עסן און קינאָ־בילדער.

צווײ

Rush Hour

יעדער צאָל איז פֿאַרפֿילט.
יעדער צאָל שילט די געזעצן פֿון רוים.
קוים וואָס מען קאָן אָטעמען.
און ערגער פֿון אַלץ די הענט.
האָבן זיך ניט וואו אַהינצוטאָן.
הענט קריכן. פֿיס שאַרן.
מענער. פֿרויען.
אין גרויען, עלעקטריש־געלן ליכט
וויגט זיך לאַנגזאַם, וויגט זיך פֿלינק,
וויגט זיך לינקס, וויגט זיך רעכטס
דער שווער־אָטעמדיקער, באַוועגלעכער געפֿלעכט.
איין חיה —
טויזנט שונאים.
איין פּנים —
טויזנט פֿיס און הענט.
ברענט און ראַצט דאָס ליכט.

28

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איד

ברענט די שׂנאה
אויף די געזעצן פֿון רוים.
ברענט גרוי און רוי
פֿון מאַן אויף פֿרוי, פֿון פֿרוי אויף מאַן —
אין דער סאַבוויי־באַן.
פּלוצלינג ווײַזט פֿון באַלקן זיך אַ האַנט
און נעמט שטראָמען קלינגענדיקע דאָלאַרן
אויף דער לעבעדיקער וואַנט אין די קאַשמאַרן פֿון דעם
טונעלן־לאַנד — אַראָפּ.

די לעבעדיקע וואַנט —
אַ ציטער.
די וואַנט אַ ציטער —
מענטשן־געוויטער.
הענט ווייסן וואָס צו טאָן.
הענט קלאַפּן.
הענט שפּאַרן.
הענט טאַפּן.
הענט שאַרן.
כאַפּן הענט!
ברענט
אַ שׂנאהדיקער, מענטשנדיקער קנויל.
אויגן, אויערן — גאַרן.
און די דאָלאַרן
שטראַלן,
פֿאַלן,
שאַלן
אויף אַ ליגנדיקער, ראַנגלענדיקער, האַסנדיקער וואַנט
פֿון דער האַנט אויפֿן באַלקן
אַראָפּ.

31 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

קאָפּ אויף קאָפּ.
קנויל אויף קנויל.
גאָלדענער גרויל.
קומט צו דער סטאַנציע

אַ טויטער צוג.
דורכגעשטאָכענע אויגן.
צעבלוטיקטע מײַלער.
אין די טויטע לעבער —
זילבערנע מינצן,
בליציקע שאַרפֿן,
וואָס די האַנט האָט געוואָרפֿן
אין דער סאָבוויי־באַן
אויף דעם אונטערערדישן וואַן־וואַן־וואַנזין.

דרײַ

אין דעם גרויען, רירעוודיקן מויער
אַרײַנגעמויערט
איינס לעבן אַנדערן
אַ ווײַס מיידל און אַ נעגער.
ריח פֿון שאַרפֿן מוסקאַט
האַלזט אַראָמאַט פֿון אַנגסטיקן מיידלשן פֿלאַטער.
דער נעגער דריקט זיך שטאַרקער
צו דעם מיידל.
שוואַרצע בענקשאַפֿט
בענטשט ווײַסע ענגשאַפֿט.

אַ ווײַס מיידל און אַ נעגער.
טרויער
אין דעם רירעוודיקן גרויען מויער.

32 אַמעריקע און איד

א. לעיעלעס

טרויער פֿון דעם יעגער,
וואָס וויים, אַז ער קאָן זײַן געגאַרטסטן פֿאַנג נישט קריגן.
נישט אונטן אויף די רעלסן רעדלען רעדער.
רעדערווירבלען, שווינדלען, דרייען
אין אַ שוואַרצן, קרײַזלדיקן, אומגליקלעכן קאָפּ.
(לינטש-פֿײַערן — פֿלאַקער, פֿלאַקער.
שלייף פֿון תּליה — שטײַפֿער, שטײַפֿער).
דער נעגער דריקט זיך שטאַרקער
צו דעם מיידל.

שטורעמס און טורעמס

שנייאיקע ווײַטן
אויף בערגלעך פֿון ערד.
ווײַסע אומענדלעכקייטן, צעשטערט און פֿאַרצערט אויפֿן שפּיץ
פֿון אַ שפּיז.
אויפֿן שפּיץ פֿון דעם טורעם פֿון וואולוואָירט.

„וואו זענען די פֿאַריאָריקע שנייען"
Villon, מײַן ברודער, Maître Villon
דו האָסט ניט געזען
דעם טורעם פֿון וואולוואָירט
אין אַ שטורעם פֿון שניי.
דו האָסט ניט געזען דעם אינטראָספּעקטיוון צייכן
וואָס צעמענטענע הייכן מיט טויזנט עלעקטרישע שטערן
(יעדער דאָס מזל פֿון אַ העלאַיז, אַ בעאַטריטשע, אַן אַלים)
שפּיזן אַרײַן אינמיטן פֿון שנייען,
אינמיטן פֿון מענטשן, רעלסן, אויטאָמאָבילן.
דו האָסט נאָר געוואוסט, אַז אייביק איז דער ווילן,
וואָס פֿאַרוויים די שנייען פֿון פֿאַריאָרן,
אייביק דער זכּרון, וואָס געדענקט זיי,
אייביק די האַנט וואָס זײַט ווײַסקייט אין דער וועלט.

אַזוי ווייס איך,
אַז אייביק איז די האַנט, וואָס בויט טורעמס,
און אייביק דו און איך —
די געדענקער,
די ווייסער,
די שאַפֿערס.

אין אַ נעגערשן קאַבאַרעט

ברוינע היפּטן — פֿידל־פֿידל,
ברוינע היפּטן וויגן זיך,
הייבן זיך און הוידען זיך,
ווינקען צו, און סודן זיך
מיט די בלוטן פֿון דער ווייַסער ראַסע —
אַנגלאָ־זאַקסן, נאָרדיקס, יידן. מענער, פֿרויען.
ווער פֿון זיי עס שווערט בייַם בוך, ווער עס קומט פֿון קלויסטער.
אין דער צעברויזטער, געדיכטער שעה — וואָס ווערט פֿון אַלץ
מיט אַלעמען?

ווינט־געפֿילטע באַלימער,
און ברוינע זאַדיקלעך פּאַטשן זיי,
און ברוינע פֿריידיקלעך קאַפּיען זיי,
און זיי שפּרינגען אָפּ פֿון דעם וואַרעמען, געשטייַפֿטן בויגן,
פֿון בייַכער, לענדן, קני און פֿיס.
זאָל ווייַסע חכמה ערגעץ קילן.
דאָ הילן הייסע נעפּלען פֿון שווערע ריחות און שאַרפֿן שווייס.
דאָ שפּילן הייסע פֿייַפֿלעך פֿון וואַלד און בוש
וועגן ערדיש־פֿייַכטע טונקלקייטן.

פֿייַכטע טונקלקייטן אויף געוועקסטע דילן.
ווייַסע הענט — צו ברוינע היפּטן,
ווייַסע הענט —
אַרום ברוינע היפּטן.
ריטמיש, ריטמיש
גליטשט זיך, גליטשט זיך
ווייַסע בענקשאַפֿט צו ערדס געבאָט.

35 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

הייסע נעפּלען צווישן טישן.
שיפורן, סמען,
מאַכן דול, מאַכן פֿול, מאַכן שוואַך,
און ס'פֿאַלן צאַמען בײַ ווײַסע דאַמען.

אָ, צו־וואָס די איבעריקייטן פֿון מוסלין און זײַד,
אַז ריין, פֿאַרשייט צויבערט, שויבערט
ס'ליד פֿון פֿײַכטע טונקלקייטן אויף גלאַנציקע פּאַרקעטן?
שטערט־זשע נישט דער בלאָנדער געטין
צוריק אַנטפּלעקן פֿון לײַב די פֿרייד.
לאָזט זי טאַנצן.
זאָל זי בײַסן, זאָל זי רײַסן
פּאַסן יאָרן, פּאַסן זכרון, פּאַסן קלייד —
ס'ווײַסע בלוט וויל זײַן באַפֿרײַט.

ברוינע היפּטן — טידל־דע־דידל.
ברוינע היפּטן באַלאַנסירן,
און וויברירן,
און זשאָנגלירן
מיט אַלע ווינט־געפֿילטע באַלימער פֿון דער וועלט.

פֿאָרט טרײַאָן פּאַרק אין נאָוועמבער

אַ נעפּל אַ לײַכטער האָט פֿאַרטושט די וועלט,
דעם האָדסאָן פֿאַרשטעלט.
(כ׳וואָלט זאָגן געקאָנט דאָ: ווי מיך און דעם גורל
פֿון גאָרער וועלט).

געווען איז דאָס ווינקל פֿון דעם געפּוצטן פּאַרק
אַ בונטער געמאַרק
פֿון בלענד און פֿאַרבלענדונג. ס׳האָט געפֿלאַמט, געפֿינקלט
פֿאָרט טרײַאָן פּאַרק.

אין אָנהייב נאָוועמבער האָט יעדע פֿאַרב, קאָליר
צעעפֿנט פֿאַר מיר
איר וואָר מיט איר אומוואָר, דעם רייץ און פֿאַלשע רייצונג
פֿון פֿאַרב, קאָליר.

פֿאַרשייט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג האָט רוישיק, רויט און געל,
געערעדט צו מײַן זעל
דער צווייפֿל פֿון לעבן, די דולע פּראַכט פֿון שטאַרבן —
דורך רויט און געל.

און ווען דורך דעם נעפּל האָט ווײַס געטאָן אַ בלענד
די זון און געברענט,
געיום׳טובֿט איר גסיסה אויף שטילער פֿלאַך פֿון האָדסאָן
מיט זילבער־בלענד —

37 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

האָט סאַמע אין האַרצן פֿון מײַן פֿאַרטושט געמיט
געאומרוט אַ ליד.
דאָס גליען און טליען האָט באַנג געריטעמט
אין מײַן געמיט.

דאָס ליד פֿון דעם נפֿש, דאָס ליד פֿון פֿאַרב און פֿלאַם,
צום אייביקן גראַם
פֿון אַרויף און אַרונטער. סײַ בלאַט, סײַ מענטש — נאָר גסיסה
פֿון פֿאַרב און פֿלאַם.

אַ ניו יאָרקער גאַס אין אויגוסט

דער אויגוסט-טאָג ניו יאָרקער שטיקט די ברואים גלײַך.
אַ פּאַרע, אַ געדיכטע, שלייכט פֿון האָדסאָן-טײַך,
און מאַכט פֿון אָטעם אַ באַשווערטן כריפּ און פּרייך.

די הײַזער גלאָצן בייז. זיי שטייען טעמפּ און שטום.
די פֿענצטער גאַפּיען אויפֿגעפּראַלטע רונדאַרום.
די ברואים זוכן לופֿט, וואָס פֿול מיט פֿײַכטן זשום.

אַ הונט ליגט אויף אַ פֿענצטער מיט אַ שווערער צונג,
און וויזאַווי אַ פֿעטער מאַן, נישט אַלט, נישט יונג,
פֿירט העלדיש אַ געראַנגל מיט זײַן יעדן שלונג.

אינמיטן טראָטואַר — אַ קאַץ אין הינערפּלעט.
ליגט אויסגעצויגן, נישט זי הערט און נישט זי זעט,
וואָס טוט זיך לעבן איר אויף נאָענטסטן פֿענצטער-ברעט.

אויף אָט דעם פֿענצטער שטייט אָן שטײַג, גאַנץ פֿראַנק און פֿרײַ,
אַ בלאָלעך-רויטלעך-געלבלעך-גרינער פּאָפּוגײַ —
ווי אָנגעפֿלויגן פֿון בראַזיליע, שפּאָגל-נײַ.

דער פּאָפּוגײַ איז נישט אַליין. בײַם פֿענצטער זיצט
זײַן באַלעבאָסטע, און זי ווישט זיך און זי שוויצט
און וויל דעם פֿויגל הערן רעדן דווקא איצט!

אַ. לעיעלעס

39 אַמעריקע און איך

ס׳קאָן זײַן זי זוכט אַ טרייסט־וואָרט בײַם קאָלירטן גאַסט.
נאָר ער וויל גאָר אויף זיך נישט נעמען אַזאַ לאַסט.
אויך אים איז היים. ער קוקט פֿאַרנודיעט און צעכּעסט.

די נאַסע היץ איז זיך מיישבֿ, אַז אין תּוך
קאָן זי די ברואים שטיקן, פּלאָגן שטאַרקער נאָך
און קאָכן אַלע אָטעמס אין אַ גאַלאַ־קאָך.

די זון ווערט איצט אַ טאָפּ פֿון אָנגעגליטן מעש.
די גאַס צעפּאַרעט זיך, ווי שטויסן הייסע וועש,
און קיינער האָפֿט נישט מער אויף קילונג און אויף לעש.

פֿאַרחלשט. שטיל. אַ קראַנקע רו. נאָר ס׳נעמט נישט לאַנג —
רויט פֿאָרן אָן די פֿײַער־טראָקס מיט בייז געדראַנג.
אַ שׂריפֿה ערגעצוואו. אַ טומל. אַ געקלאַנג.

די גאַס פֿון איר פּריטשמעלעטקייט קריכט נישט אַרויס.
אויף צוועלף לשונות און אַקצענטן שווײַגט זי אויס
איר גלײַכגילט צו געפֿאַר, די חמימה איז צו־גרויס.

דער הונט שלינגט אײַן די צונג און דרייט מיט קורצן עק.
די קאַץ באַשליסט מען מיינט נישט זי און קריכט אַוועק.
דער פּאַפּוגאַי — צעמישט. — אַ פֿיל־קאָלירטע שרעק.

די מאַדאָנע אין סאַבוויי

קעגן מיר אין דעם סאַבוויי איז געזעסן די מאַדאָנע,
פֿאַרלייגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס
און געלייענט אַ טאַבלאָיד.
געלייענט ווי אַ קאַסירשע האָט זיך געטאָן אַ טוק און אַ טויך —
איר חתן האָט זי פֿאַרלאָזן מיט אַן אויפֿגעגאַנגענעם בויך.
די מאַדאָנע האָט מיט איר ליפּ-שטיפֿט באַשמירט איר מויל
און ווײַטער געביסן אין דער ברעניקער קויל
פֿון טראַגעדיע.
די מאַדאָנע האָט אַ גלעט געטאָן איר שיכל פֿון שלאַנגישער הויט
און ווײַטער באַיאַמערט דעם תּהומיקן טויט
פֿון דער קאַסירשע.

טיק-טאַק האָט געקלאַפּט מײַן בליק.
דער מאַדאָנעס אויגנדעקלעך האָבן דערהערט
און צוויי לענגלעכע היילן האָבן געטאָן אויף מיר אַ קער
זייער זאַמשענע טיפֿקייט, זייער הימלעכן סוד,
און איך האָב פֿאַרנומען אָט די רייד דער מאַדאָנעס,
די רייד, וואָס זי האָט גערעדט בלויז צו מיר
אין דעם סאַבוויי:
אין גליל, דעמאָלט אין גליל,
האָבן די סטאָליערס, די שוסטערס, די שנײַדערס,
די פֿישערס, די מלווהס, די גנבֿים
אַ רעטער באַדאַרפֿט און אַ גאָט.
האָב איך געעפֿנט מײַנע בתולהשע לענדן,
און אין אַ טונקעלער שעה אויפֿגענומען אין מײַן טראַכט
דעם באַדערפֿטיקן זאָמען פֿון דעם, וואָס כ׳ווייס נאָך אַלץ נישט
זײַן נאָמען.

41

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

אַ זעלנער, אַ פֿרעמדער, אַ בייזער, אַ קנעכט פֿון דעם קייסער,
אַ פֿישער מיט הענט אין קרעץ פֿון שלעפֿן די שטריק פֿון זײַן נעץ,
צי אַזוי אַ בראָדיאַגע, וואָס האָט גראָד דעמאָלט געפּרעפּלט:
מײַן גאָט!
איך קאָן דיר נאָר זאָגן, כ׳בין פֿאַרגאַנגען אין טראָגן.
אָ, פֿאַראַנען נעכט ווען ס׳שטעכט דער גײַסט דײַן אינגעווייד,
ווי אַ קאָרשונס שנאָבל,
און פֿלעכט דיך אַרום ווי אַ שלאַנג.
פֿאַראַן שוואַרצע, אָפֿנהאַרציקע נעכט, וואָס אָנען
דאָס מאָנען פֿון בתולהשע לענדן.
ס׳איז געווען דער גײַסט פֿון גאָט,
ווײַל זעלנער און פֿישערס און בראָדיאַגעס
האָבן געמאָנט אַ רעטער, אַ גאָט.

די מאַדאָנע האָט באַפּודערט איר נאָז און קין,
(איר נאָז איז געוועזן נאָבל און דין)
און האָט ווײַטער גערעדט:
פֿון ווײַטן בלענד
און ליכטיקן רוף,
פֿון נאָענטן טרויער
אין שווערן גוף
חלומען אויס מאָלער און פּאָעטן
מײַנע פּאָרטרעטן דור נאָך דור.
פֿון אַמאָליקן צוויטיקן פֿרילינג
אויף פֿעלדער, אין וועלדער,
שטרעקן הענט זיך: באַוויליק!
בעטן אויגן
דורך דער לענג און ברייט פֿון יאָר.
אין געוואָרגענער וואָר,
אויף גאַסן, אין סאָבוויים,
בענקען מענטשן אַלץ נאָך דעם וואונדער,

42

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

כאָטש זיי גלויבן נישט מער אין זײַן געבוירן.
אָ, איך וועל אַמאָל וואַרפֿן פֿון זיך די געוועבן,
וואָס וויקלען מיך, פּענטען אַרום
און מיט נאַקעטקייט
אָנטרינקען אײַער דאָרשט.
און הער:
ס'וועט זײַן ווי יענער גרויסער באַשער
דעמאָלט,
דעמאָלט אין גליל.

די מאַדאָנע האָט גערעדט נאָך לאַנג,
נאָך לאַנג און היים און גיך.
נאָר איך — כ'האָב שוין מער נישט פֿאַרנומען.
אין פֿלאַטער אין פֿרומען האָט גענענט דאָס קומען
פֿון אָפּנהאַרציקע לבֿנות און זונען,
און כ'האָב געשפּירט ווי עס רירט זיך גאָטס גײַסט אין מיר
ווי אַ האָז, ווי אַ שלאַנג, ווי אַ פֿויגל.

ניו יאָרק אין גראָ

גראָ איז ניו יאָרק, אַ פֿאַרהילטע אין פּיטש-נאַסן טול,
לאַנג פֿלייצט דער רעגן, פֿלייצט לאַנגזאַם און נודנע און פֿול.
איבער די גאַסיקע היילן און בליאַסק פֿון אַספֿאַלט
הויערט אין גראָקייט אַן ערנסטע, וואַזשנע געשטאַלט.
שטרענג-מיליטעריש מושטירט זי: איינס-צוויי און איינס-צוויי,
בײַטן זיך ליכטער דאָ גרין און דאָ רויט — גיי און שטיי!

גרין-רויטע פֿײַערלעך ווינקען זיך איבער אין גראָ.
ס'זענען פֿאַראַנען אויך מענטשן פֿאַרהאַוועטע דאָ.
זייער פֿאַרקנעכטער באַרוף איז באַשטימט שוין פֿון לאַנג —
דינען-באַדינען די רעדערדיק-אײַליקע שלאַנג
פֿון אויטאָבוסן און טאַקסיס און אויטאָס אָן ענד.

אימפעט מאַנקאָלישער, וואו איז דײַן אײַלן געווענדט?
ערגעץ וואו פֿירסטו אויך מיך אין דײַן שלאַנגישן דריי,
מיך מיט מײַן שרעק, מיט מײַן ליבשאַפֿט און שטומען געשריי.

פרעכטיק מײַן שטאָט אויך אין גראָקייט, מיט גרין-רויטן גלי.
וואָס פֿאַר אַ מאַסקע זי טראָגט נישט — איך ליב זי סײַ-ווי.

44 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

דער פּענגווין און איך

דער פּענגווין האָט צו זון געעפּנט גראַד זײַן שנאָבל
און זיך צעשאָלט איינטאָניק, ווי אַ קינדישער טרומייט.
דער קלאַנג — נישט זילבער־קלונגיק, נישט סובטיל, צי נאָבל —
האָט דאָך דערציילט מיר דעם סעקרעט פֿון טיפֿער פֿייגל־פֿרייד.

זײַן אויסזען פֿון אַ קליינעם, ערנצטן פּראָפֿעסאָר,
אין שוואַרצן לאַנגן פֿראַק און מיט אַ ווײַסן גאַלאַ־העמד.
איז נאָך געווען דער חידוש שטוינענדיקער, גרעסער,
וואָס מיט אַמאָל האָט ער זיך צעטרומייטערט אומפֿאַרשעמט.

געווען איז דאָס אַ פּראַסטיקער, מערצאָווער שבת.
איך בין פֿון שטאָט אַנטרונען אין דעם ווײַטן אָפּגעלייגטן „זו".
מיט קינדער, מאַמעס און נישט ווינציק זיידעס, באָבעס,
האָב איך אין וואונדערלעכן פּאַרק געזוכט מײַן שבת־רו.

פּענגווינען האָבן ליב די קעלט, וואָס בלישטשעט זוניק.
און ווילן זיי צעהילכן זייער ווילן טיף, אינטים,
וואָס אַרט זיי, צי אַ מוזיקאַלישער מפֿונק
וועט דרייען מיט דער נאָז אויף זייער טאָן און זייער שטים?

האָב איך געהאָרכט הנאהדיק — איך בין זיך מודה —
צום אומגעריכטן רוף פֿון דעם פּענגווינישן טרומייט.
כ'האָב אויך דערזען אַ גרינעם וואַלד, אַ ווײַטע הוידע
און ווילד אויף איר אַ מיידל אין אַ פּורפּורדיקן קלייד.

45 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

דאָס מיידל האָט געהוידעט זיך אַלץ דרייסטער, העכער,
און מיט אַ ברען אַ ליד געזונגען, אויסטערליש פֿאַרשייט.
דאָס לויזע קלייד האָט זיך צעעפֿנט, ווי אַ רויטער פֿעכער,
אַנטפּלעקט די פֿיס, ווי מורדים קעגן גאָט און קעגן לייט.

אַ האַלב יאָרהונדערט זונען, שטורעמס, מוראס מידע
ליגט ערגעץ וואו פֿאַרשאָטן אונטער מיין פֿאַריאָכטן גאַנג,
נאָר יענע הוידענדיקע, מיידלישע מרידה
פֿילט אָן פֿונסנײַ מײַן אויג, ווי ס'רוישט אין אויער איר געזאַנג.

פּראָפֿעסאָר קאָמישער פֿון רײַכער פֿייגל-ראַסע,
דו פּענגווין אין דעם קאַלטן, העלן ערבֿ-פֿרילינג טאָג;
און דו, יונג מיידל, וואָס דו האָסט די שווערע משׂא
פֿון דורות דרייסט אַראָפּגעוואָרפֿן אין דײַן דולן יאָג —

איר ביידע האָט דערמאָנט מיך אין מײַן קלעם און צוואַנגען.
האָב איך נישט ס'גאַנצע לעבן, דורך אַ ווערטער-לאַבירינט,
געוואָלט בלויז יענעם טיפֿסטן ברום-געשריי דערלאַנגען,
וואָס איר האָט פֿרײַ צעגאָסן צו דער זון און אויף דעם ווינט?

46

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

הייס

די וואַסערן אין האָדסאָן — פּליסיק בלײַ,
זיי ליגן שווער אין נעכט פֿון הייסן יולי.
אַזוי ליגט שווער אַ שלאָפֿנדיקער קולי.
איך טראַכט פֿון קי, וואָס שלעפֿן זיך פֿאַרבײַ
אַ דאָרפֿסוועג — שוואַרצע קי מיט אײַטערם פֿולע.
גרויסשטאָטיש ברויזט דער האָדסאָן־ברעג אויך איצט,
די ליכטער, גרעזער, שיפֿן — אַלץ ניו יאָרקיש,
ווי אויך די מיידלעך אויף די הויכע קאָרקעס.
בײַם בוזעם פֿון אַ פֿעטער גויע שוויצט
אַ מאַן און פֿליסטערט: „האַו דעלישאָס פּאָרק איז".

זיבן צווערגן

זיצן זיבן צווערגן,
זיבן אויסגעסטראָלצטע צווערגן
קעגנאיבער מיר אין סאָבוויי.
זיי פֿאָרן אין צירק,
וואָס קומט מיט טומל יעדן פֿרילינג קיין ניו יאָרק,
זיבן צווערגן פֿאַר דעם זיבן־מיליאָניקן ניו יאָרק.
זיבן מיניאַטורע גראַפֿן און גרעפֿינס,
מאַרקיזן און פּרינצעסינס.

די זיבן קאַרליקעס קוקן דווקא
זייער פלעבעיִש און זייער טרויעריק.
די פֿיר מענער קוקן פֿאַר זיך, יעדער פֿאַר זיך.
די דרײַ פֿרויען באַמבלען מיט די קליינע פֿיסלעך
אין די שיך מיט הויכע אָפּצאַסן.
די אָפּצאַסן הענגען העט ווײַט פֿון דעם דיל.

איינע פֿון די פֿרויען איז אַ מולאַטקע.
זי איז די פֿריילעכסטע.
זי איז די רעדנערין,
די פֿאַרבינדלערין צווישן די צוויי אַנדערע, די צוויי ווײַסע,
מיט די פֿאַרשאַרצטע נעזעלעך,
מיט די געקרײַזלטע בלאָנדע לעקעלעך,
מיט די דינע, אומענדלעך אומעטיקע געפֿאַרבטע ליפּעלעך.
זי איז ווייניקער אומגליקלעך פֿון די אַנדערע.

זי פּודערט זיך אָן אויפֿהער
און האַלט אין איין אָפּשטויבן איר בוזעמל.

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

אפשר איז זי פֿרייִלעכער דערפֿאַר,
וואָס זי איז שוין צוגעוואוינט צו זײַן אַ ביסל אויסגעמלעך
אויף אַ גרויס־ווײַסן, שטייניקן מאַרק.
צום טרויעריקסטן זענען די מענער.
זייערע אויגן ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געזען
דעם גאַנצן וואַגאָן אויגן, וואָס מעסטן זיי, וועגן זיי,
טוען זיי אויס, גלײַך זיי וואָלטן קיין נשמות נישט געהאַט.
און אָט:
אין מיטן דעם רעדערן פֿון סאַבוויי,
אין מיטן דעם מרויער,
וואָס האָט זיך געשפּרייט פֿון די קליינע מאַנעלעך און ווײַבעלעך,
האָב איך פֿאַרנומען דאָס דאַזיקע געזאַנג פֿון דעם עלטסטן,
דעם סאַמע טרויעריקסטן קאַרליק — — —

איך קוק און איך זע,
און איך ווייס און באַמערק.
אויב גאָט איז פֿאַראַן,
איז ער אַ צווערג.

און אויב עס איז דאָ
אַ זין אין גאָטס ווערק,
וועט ער שיקן אַ מאַן,
אַ צדיק, אַ צווערג.

וועט ער ברענגען דאָס וואָרט,
אין צירקן, אויף מערק,
פֿון יושר דאָס וואָרט —
אים קען נאָר דער צווערג.

וועט ער לערנען מיט פֿלײַס
פֿון וואָרהייט ס׳געוועק

49 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

פֿון חכמה און גוטס —
ווי ס׳קאָן בלויז דער צווערג.

פֿרײַ וועט זײַן מענטש
אין טאָל און אויף בערג.
אַ גאָט איז פֿאַראַן,
און ער איז אַ צווערג.

קיינער האָט ניט געהערט דאָס דאָזיקע געזאַנג
אַחוץ מיר
אין דעם בייזן געדרודער פֿון דער סאָבוויי־באַן.

50

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

בײַ ים

מיר זענען געגאַנגען איבער דעם פײַכטן זאַמד,
די שפּורן פֿון אונדזערע טריט האָבן זיך געפֿלאָכטן,
די לבֿנה האָט באַלויכטן די שאַרפֿע קאָנטורן —
אָט מײַן פֿוס, אָט דײַנער, אָט צוזאַמען.
דער צופֿלוס פֿון ים וועט זיי באַלד פֿאַרווישן,
נאָר איצט צוזאַמען, צוזאַמען, איינס.

דער ים האָט געקערט וועלטן מיט דער צוגעלאָזענער נאַכט,
דער ים האָט זיך געלאָזט וואוילגיין מיט דער צעלאָזענער נאַכט.
געוואָרפֿן אויף אַלע זײַטן, געפּאַטשט איבער דער נאַקעטקייט,
געקרעכצט און געוואָיעט און צעשפּריצט זיך מיט באַגעריקן שוים
אַזש ביז אונדזערע קני.
איך האָב דיך נישט אַנידערגעוואָרפֿן, ווי די לבֿנה האָט געהייסן,
נאָר געמאָסטן מײַנע טריט מיט קלוגע רייד,
און אַלץ געפֿילט:
דײַן געלעכטערל וועט מיך טרײַבן אין וואַסער אַרײַן —
אַזוי ווי איך שטיי און גיי,
און שווינדן וועל איך פֿאַרשווינדן אין דער תּאווהדיקער נאַסקייט,
פֿאַרשווינדן, פֿאַרהיניען צום טײַוול.

נו, יאָ — מיט אַ שעה פֿריער האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַן אינדוס
מיט אַ טורבאַן אויפֿן קאָפּ,
און מיט דער חשיבֿות פֿון שטאָלצסטן בראַמין געזאָגט:
איך האָב אַ בשׂורה פֿאַר אײַך —
בלויז צען סענט.

בלויז צען סענט, בלויז צען סענט,
האָט אַ פֿולער סאָבוויי גערעדלט אין קאָפּ,
דער סאָבוויי, וואָס האָט אונדז נישט-געלאָשענע געפֿירט אַהיים,
אין באַזונדערע ליידיקע שטיבער.

בײַם האָדסאָן

דער האָדסאָן ברענט אין ווײַסער שײַן פֿון מערצאָווער זון,
דער בליאַסק הילט אײַן אַ שוואַרצן בוים
מיט נאַקעטע צווײַגן.
זעסט אַ מענטש אויף ווײַסן אויטאָ־דאַ־פֿע.
זעסט אַ ווײַסן סנה.

אַרום־אַרום נעילהדיקע אָרעאָלן
איבער שוואַרצע נעצן פֿון ביימער־שפּיצן.
סימבאָלן ברידערן זיך מיט זאַכן,
זאַכן פֿאַרמאַכן זיך אונטער סימבאָלן.
דער האָדסאָן ברענט ווײַס, פֿאַרגלייזט.

און בײַ דעם האָדסאָן —
גליטשן זיך קינדער אויף רעדלעך,
רײַטן אויף וועליסאָפּעדלעך.
אַ פּאַראַליזירטע דאַמע מיט אויגן — גלאָז,
מיט גראָע האָר — געוועזן־בלאָנד,
זיצט אין אַ רוק־שטול
און וואַקסט און וואַקסט אויף אַ האָריזאָנט,
וואָס האָרבט זיך, באַרגט זיך
און וואַרגט זיך מיט דער ליגנערישער רו פֿון מערץ.

מערצאָווע, ווײַסע, פֿאַרגלייזטע רו.

52 אַמעריקע און איד
א. לעיעלעס

פאַרנאַכט אין בעטערי־פאַרק

די זון איז שנעל, אַלץ שנעלער צו דעם ים געזונקען.
זי האָט זיך באַלד דערטרונקען — איר איז אַלץ דערעסן,
און דאָ האָט דער אָקטאָבער־טאָג זיך סתם צעבלאָזן
מיט פּראַסטיקן ירגזון איידער ס׳הייסט דער לוח.

דער זון האָט שמאַרק פאַרדראָסן אויף דעם טאָג דעם שוטה.
אַזאַ צעפּלאַמטע, רויטע, האָב איך נישט געזען זי.
און כ׳האָב איר מיטגעפילט. צו וואָסער טײַוול טאַקע
די אײַליקע אַטאַקע אויף די ביימער, בלעטער?

און דאָך — אין קליינעם בעטערי־פאַרק האָט דווקא דעמאָלט
די אָוונט־שעה געפּלעמלט מיט עקסטאַז און ווירדע.
עקסטאַז האָט אויף דעם ים געקניט, געגליט פאַרפּיריש,
די בלעטער האָבן ליריש מיך אַרומגעשעפּטשעט.

און בײַ מײַן זײַט — מיט וויזיעס אַלץ נאָך נישט־צעשטערטע
(דאָס בילד — אַ פּרוּוו באַגערטע) — אַלדאָס נישט־דערגרייכטע
פון לעבן. נישט דערגרייכט און באַלד נישט מער צו גרייכן.
ווי ס׳וואַסער: פריער בלייכן, דאַן פאַרטונקלען, טונקלען.

אַזוי איז דער פאַרנאַכט אַוועק — מיך קריקצוברענגען
צו אַלע מענטשנמענגען, וואָס די בײַטש ניו־יאָרקער
האָט שוין געשפּאַרט צום על, צו קאַרס, צו סאַבוויי־באַנען,
מיך ווידער אײַנצושפּאַנען אין דעם ראָד פון פליכטן.

אַוועק. נאָר לאַנג וועט גליען טיף אין מיר דער צונטער
פון יענעם טויך־אַרונטער — פון דער זונס אַליין־מאָרד.

דרײַ שפּעטנאַכטיקע לײַט

דרײַ שפּעטנאַכטיקע לײַט אין אַ סאַבוויי־צוג,
און איך אַ פֿערטער — דער זײַטיקער קוק.

האָט איינער געשלעפּט זיך אויף קוליעס צוויי
אין אָנדענק פֿון שלאַכטן בײַ קורטעניי.

אַ צווייטער, פֿאַרלוירן אין אָקעווײט־גליק,
האָט געשלוקערצט און געבענטשט די רעפּובליק.

די דריטע — אַן אַלטע נעגערשע פֿרוי,
ווען ווײַס, וואָלט זי געווען בלאָנעבלוי.

דרײַ גראָטעסקע לײַט אין אַ סאַבוויי־צוג,
און איך אַ פֿערטער — דער זײַטיקער קוק.

איז דער געליימטער העלד פֿון קורטעניי
זיך פֿאַרגאַנגען בייז מיט קייך און געשריי:

גיט אַ דײַם מיר אַהער, אַ ניקל כאַטש —
ברויט פֿאַר די קוליעס, נישט ראַי און נישט סקאַטש.

און שרײַענדיק שווער זיך אַראָפּגעלאָזט
בײַ דער, וואָס געווען ווי שאָטן און פֿראָסט.

ווײַל זײַן פּעס איז געשטיגן מיט ברען און ברויז,
האָט ער איר געגעבן אומהעפּלעך אַ שטויס.

54

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

האָט זי, די שוואַכע, פֿאַרשעמט און פֿאַרגאַפֿט
איר שטים געהויבן מיט באַפֿרײַטער קראַפֿט:

רעספּעקט פֿאַר דעם מענטש, די ווירדע היט אָפּ!
די מענטשנווירדע איז אַלץ, וואָס איך האָב.

האָט שוין נישט פֿאַרטראָגן דער פּאַטריאָט,
און שיכּור געברומט מיט ווײ און שפּאָט:

וואָס טוט זיך אין דעם לאַנד פֿון דזשעפֿערסאָן,
די קולטור וואו איז, און וואו ברודער־טאָן?

זיי האָבן געצערנט אַלץ הייסער, אַלץ מער,
און לאַנג שוין פֿאַרגעסן אי וואָס, אי ווער.

כאָטש ניכטער איך, מיט גאַנצע גלידער באַשטאַט,
לויט הויט און אויגן אַ נאָרדיק כּמעט —

האָב איך מיט לײַב און לעבן טיף דערפֿילט,
אַז איך, דער ייִד, געהער אויך צו דעם בילד,

וואו ס'האָבן פֿאַרטיידיקט די העכסטע רעכט
אַ שיכּור, אַ קאַליקע און אַ קנעכט.

עס איז געווען זייגער דרײַ פֿאַרטאָג,
ווען זאַכן פֿאַרלירן זייער מאָס און וואָג,

ווען נערוון געשפּיצטע קוקן דורך דורך ווענט
און הערן פֿאַרשטאַנדיק פֿון ענד ביז ענד.

דרײַ פֿאַרגעסענע לײַט אין אַ סאַבוויי־צוג,
און איך אַ פּערטער, דער ייִדישער קוק.

בראָדוויי

די ווענט פֿון שטיין, דער דיל פֿון מוטנעם שטיין.
אין פֿרעמדקייט, גרויער, שטייניקער אַליין.
ווי רוישלאָז ס׳פֿאַלט אויף דעם אַספֿאַלט מײַן טראָט,
וואַרפֿט הילכיק זיך אויף מיר די וואָג פֿון שטאָט.
מײַן גאָט!

מיט אויגוסט-דולקייט אָטעמט דער גראַניט.
אין הייסע, הארטע אָרעמס אײַנגעשמידט,
רײַס איך זיך פֿון דעם שטייניקן וואַמפּיר —
ווי ס׳אויג צום ווײַטן הימלס בלוי-קאָליר —
צו דיר.

און קיינמאָל האָט נאָך ניט אַזוי אינטים
געקוואָלט אין מיר מײַן ליבעס שטילע שטים,
ווי יענע שעה, בײַטאָג, אַ זייגער צוויי,
ווען ס׳איז געווען איין טעמפּער שטיין-געשריי —
בראָדוויי.

56 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

עקסטאַז

צוואַנציק-דרײַסיק טויבן אויפֿן בראָדוויי סקווער
היפּן און פּיקן די קרישקעס,
וואָס פֿאַלן פֿון מענטשלעכע הענט.

אינמיטן זוכן און פּיקן שטעלט איין טויב זיך אָפּ.
אָן „ער״ לויט דער גרייס, לויט דער פֿולער ברייטקייט
פֿון זײַן ווייכן, פֿאַלדנדיקן וויאָלעטנעם האַלדז.
ער פֿאַרקוקט זיך אויף אַ „זי״.
ער קוקט —
מיט דריבנערע טריטעלעך, מיט גרינגערע פּיסעלעך,
מיט מער פֿאַרזשמורעטע ברוינע רעדלעך פֿון אויגן.
פֿאַרגעסן די קרישקעס.
ער נעמט איר נאָכטריטלען.

זי פּיקט נאָך אַלץ מיט גראָען, האַרטן שנעבעלע.

ער גייט איר נאָך, גייט איר נאָך, גייט איר נאָך.
זי ווענדט זיך אָפּ, ווענדט זיך אָפּ, ווענדט זיך אָפּ.

ער פּרוּווט זי באַדעקן.
זי לאָזט נישט. זי פּיקט קרישקעס.
ער באַשטייט. גייט נאָך, פּרוּווט ווידער.

זי — נישט ווי זי מיינט מען.
טריטלט אָפּ, טריטלט אָפּ; ער נאָך איר,
ער איז אַרויף.

57

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

זי וויל אים כּלומרשט אַראָפּשאָקלען פֿון זיך.
פֿאַרזשמורעט שטאַרק די אויגן, שטייט קוים אײַן
אויף די דינע רויטע פֿיסעלעך
און — גיט נאָך.

אַלץ מער נאָכגיביק. זייער־זייער געדולדיק. בלײַבט —
פֿאַרגליווערט.
טויבן־עקסטאַז.
אַ רגע וועלט־און־לעבן באַשאַף.

פֿאַרוואָס

בלויז עטלעכע שפּאַן
פֿון די מעבלירטע שטאָטישע קאַסטנס
שטייט אַ קליינער פֿאָנטאַן.
אַ פֿריילעכער, געדיכטער שפּריץ — אַ באָד פֿאַר פֿייגל.
פֿון וואו איך זיץ
שטרעקט זיך דער האָדסאָן גלאַנציק, גלאַטיק אין דער זון.
די זון ברענט ווי אויף באַפֿעל,
נאָר דאָ איז בלויז העל און קיל.
דאָ איז שטיל.
די זון ווינקט זיך היים דורך מיט דעם פֿאָנטאַנס טראָפּנס,
און מיר צוקאָפּנס אויף אַ צווײַג
צווויטשערט צופֿרידן אַ שפּערל — ס׳איז אים גוט.
מיר אויך — אַבסאָלוט.
דאָס גרין אַרום בלישטשעט פֿול און פֿײַכט,
די גראָזן אָטעמען לײַכט אין פֿרעכן זומערטאָג.
גאָלד, גרין, זילבער, פֿייגלשער צווויטשער צום בלויען הימל.
ס׳נעמט מיך נייגן צום דרימל.

צו דער אידיליע
געהערט אויך די ווײַסע ליליע
אין דער האַנט פֿון דעם פּאַרשוין,
וואָס יאָוועט זיך פּלוצים און זאָגט
(מיר זענען אַליין):
„פֿון מײַנעטוועגן מעגסטו שטאַרבן הײַנט״.
„פֿאַרוואָס?״ — פֿרעג איך, אומבאַטראַכט.
„ווײַל, זאָגט ער, דאָס לעבן

59 אַ. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

איז גאָטס אומגעטלעכער האַס,
און דער מענטש — די כּלי פֿון זײַן הפֿקרדיקן שפּאַס.
און דו פּאַטעטיזירסט, שטאָט צו ריטשען: ווײ געשריגן!
כּפֿלסט ליגן אויף ליגן,
נאַרסט און פֿאַרפֿירסט".
דאָ האָט ער דרײַ מאָל געשפּיגן,
מיר אויסגעשטרעקט אַ לאַנגע צונג,
צעמורשט די ליליע אין זײַן האַנט
און שילטנדיק אַוועקגעשפּאַנט.

דער שפּערל האָט געצווישערט,
די זון האָט געשטיפּט מיט דעם פֿאַנטאַנס בריליאַנטענע שנירלעך
געמיניעט פּיל־קאָליריק.
צו די קאָלירן איז צוגעקומען אַ רויטע צונג,
און אַ שיכּורער יונג אין אוניפֿאָרם האָט פֿון פֿעטן, פֿײַכטן גראָז
געריטשעט: פֿאַרוואָס?

60 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

שבת אין קאַליפאָרניע

ריח הארבער פֿון הויכע שאָטנדיקע אייקאַליפּטן
מיט צאַרטע, צונטערנע פּעכערס פֿון צווײַט,
און קוויטן ווי אײדל געשניטן רוי פֿלײש;
פּאַרטאַיעטע בערג, ווי רוענדיקע קעמלען אויף די קני
נאָך אַ לאַנגן, שטויביקן וואָכעדיקן מאַרש;
גאַרטנדיקע, בלומענדיקע רחובות
פֿון גילדערנעם, אײביקן יונג־זומער —
ס'איז שבת אין קאַליפֿאָרניע.

הויכע בערג פֿון זאַמד און געדאַנק
שטייען צווישן לאָס־אַנדזשעלעס און לאַדזש.
טיפֿע תהומות פֿון רוישיקע אינדן און ברויזיקן געמיט
ליגן צווישן צוויי שטילע שבת־שעהן,
וואָס גיבן זיך שלום אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

דער לאָדזשער שפּעטער שבת נאָכמיטאָג קומט ליב און געלאַסן
מיט באַשיידענער גרינקייט פֿון פֿרישן שטשאַוו,
מיט קאַרן־ברויט, מילך און ווײַסן קעז,
און מיט אַ ייִנגלס פּאַרטאַיעטער, שקאַצישער בלאַנדקייט
אונטער טאַטע־מאַמעס בליקן פֿון מנוחה.

וואָס איז בידנער שטשאַוו
אַקעגן גדלותדיקע אייקאַליפּטן און פּאַלמען,
אַקעגן מאַראַנצן־בליונג, וואָס באַרוישט שמעקעדיקער
פֿון ייִנגסטן האָניק?

61

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

ווי בינדט זיך די צופֿרידענע זעט פֿון אַ ייִנגל
בײַם בוזעם פֿון שבתדיקער שלוווה, וואָס רינט ליבשאַפֿט און מילך,
מיט דעם מילדן פֿרידן אויף זון-געטובֿלטע בערג,
עלעהיי אַ צעפּראַלטע, איבער-רײַפֿע, געלע ריזיקע רויז?

איבער דער בריק פֿון אַ האַלב יאָרהונדערט
שפּאַנט פֿון לאָדזש די מאַמע, די מלכּה,
שפּאַנט דער טאַטע מיט דער באָרד פֿון טונקל גאָלד.
די מאַמע טראָגט ברויט און אַן ערדענע שיסל שטשאַוו.
דעם טאַטנס גוטע גרינלעכע אויגן בענטשן אַרײַן
אין דעם ייִנגלס באַשירעמטע האַרץ:
שבת, שבת,
שבת אויף דער גאַנצער וועלט.

האַלב יאָרהונדערט איז אַ ריר פֿון אַ וויע,
זיבנטויזנט-מײַליקער מהלך — שמאָלסטער שפּאַן,
ווען פּלוצלונג, אומגעריכט
פֿלאַטערט פֿידלדיק פֿאַרבײַ
דער גאָלדענער פֿליגל פֿון געבענקטער, געבענטשטער
הייליקער שלוווה
פֿון שבת.

חלום צווישן וואָלקנקראַצערס

אין די הויכע און געקעסטלטע געבײַדעס
פֿון דער וואונדערבארער, טומלדיקער שטאָט ניו יאָרק
זיצט געענגט אַ יונגוואַרג, אי מיט זאָרג, אי אָן שום זאָרג,
און די וואָלקנקראַצערס זענען וואַכע עדות,
ווי מיט דער ירושה פֿון די טאַטעס, זיידעס
ווערט געשטעלט אַ נײַער בנין — דאָ, אינמיטן טאָרג.
ס׳איז אַ ווערטער־בנין, ס׳בויען יונגע בויער,
און זיי לייגן ציגל מיט אַ פֿרייד און טרויער.

ס׳גייט אַ סך אויף באָרג. אַז יעדער איז אַ צוציק,
קיינער ווייס נאָך נישט געניי, וואָס אייגן און וואָס פֿרעמד.
לײַט מען, בײַט מען אויך אידייען, ווי מען בײַט אַ העמד.
אין די שטיבלעך איז גאַנץ דושנע, נישט צו־פּוציק,
נאָר פֿאַרחלומט און פֿאַרעקשנט און חלוציק,
דרייסטערהייט און וואוילעריש, נאָר אָפּטמאָל אויך פֿאַרשעמט,
שלענגלט דאָרט זיך יענער ווילן מיט הצלחה,
וואָס צעעפֿנט טויער־טיר פֿון אַן עפּאָכע.

ס׳ווערט געבאָרגט אויך ממש. ס׳רינען נישט קיין שפּעס,
ס׳שעפּעלע פֿון שפּע איז פֿאַר אַנדערע געגרייט.
דאָ גילט אַנדערשדיקער טרויער, אַנדערשדיקע פֿרייד.
וועט איר פֿרעגן: נו, און עסן? און דאָס נפֿש?
עט, אַ דאָלאַר אייגנס הייסט שוין לעבן גרעפּיש.
אַז עס גייט אין קונסט, אין מאָרגן, אין חלומות גייט.
פּרץ ווינקט אַריבער מיט זײַן הייסן אָטעם,
און מען קנעלט דעם שאַפֿונגס־גאַנג מיט אַלע פּרטים.

63 אַמעריקע און איך

א. לעיעלעס

תּכליתדיק האָט נאָר דער גורל דאָ געהויערט,
דער געהיימער, קלוגער גורל מיט באַשערטן רוף.
אין דעם שטענדיקן געראַנגל צווישן גײַסט און גוף
האָט אַוודאי דער נסיון אָפּט געלויערט.
נאָר באַשערטקייט האָט געפּעסטיקט זיך אויף רוי־ערד,
און צו זיך געבויגן יעדע שוואַכקייט, יעדן פֿעלשונג־פּרוּוו.
„בויט מיר נײַ־געבוי אויף נײַ־ערד, ס׳זאָל געראָטן".
ווײסיק אָדער נישט — מען פֿאָלגט די מוז־געבאָטן.

עך, די היציקע וויכּוחים; דער פֿאַרוואַנדל
פֿון די נעכט אין טעג; די מאָדנע קורצקייט פֿון מעת־לעת;
די שפּאַצירן ווי אין שיכּרות, ווי אין זעלבסט־פֿאַרגעס.
ווען באַוועגט זיך די אינדוסטריע, שמאַיעט האַנדל?
דאָ ווערט בלויז געזוכט די ריינסטע, דינסטע מאַנדל
אין דער שאָלעכץ פֿון געפֿיל־געדאַנק — דער קלאַנג פֿון נס.
מאָנען מאָנט מען: אַלץ צי גאָרנישט, אָדער־אָדער,
מעג די טאַש זײַן ריין שוין פֿון דעם לעצטן קוואָדער.

ס׳האָט זיך ראַש געלעבט, מיט טומל, אַמפּער, אימפּעט,
מיט די הונגער־רייד מכּוח לאָגאָס און קאָליר,
מיטן ברענגען ס׳הונגערן אויף לײדיקן פּאַפּיר.
(ווער מיט אַ ראָמאַן געקליבן זיך אין קימפּעט,
ווער ס׳האָט טראַפֿן מעטריש־שווערלעך אויסגעקלימפּערט,
און געפֿרעגט צי זאָל עס הייסן ליד, געדיכט, צי שיר).
די מעת־לעתן זענען נודנע נישט געקראָכן,
אימפּעט האָט די יאָרן שנעל געפֿילט מיט וואָכן.

ס׳וואָלטן די חלומות פֿון דעם דור געסטאַיעט
אויפֿצובויען פּתום, רעמסס און אַ זײַל פֿון גאָלד.
רונדאַרום האָט רײַכקייט זיך געקוילערט און געראָלט.

אַ. לעיעלעס

64 אַמעריקע און איך

נאָר דאָס אומרויִקע יונגוואַרג האָט פֿאַרטאַיעט
אויסגעשמידט אַ נײַעם עול, אַ נײַע פֿרײַהייט,
און געשריבן, און פֿון הימל ס׳טעלערל געוואָלט,
און געמאָסטן זיך מיט אַלע העלסטע ליכטער,
און אַ צעך געשטעלט פֿון שטאָלצע, נײַע דיכטער.

וואָס איז אמת: דאָרשט נאָך דעם געווירץ פֿון נײַעם
דאַרף אַמאָל אַ לעק פֿון יענעם קרוכלען מאַטעריאַל,
וואָס הייסט כּבֿוד און באַגולט מיט וואַזשנעם שטראַל,
יובֿלס און געבוירנטעג און אויך לוויות.
נאָר, מישטיינס געזאָגט, אַ פּיצל, אַ כּזית
איז פֿון אָט דעם שטאָף בײַ אונדז פֿאַראַנען, נישט קיין שלל.
כאַפּט אים אוים ווער ס׳האָט באַצײַטנס זיך געפֿעדערט
און מיט קלוגן אייל דעם שטעג צו אים גערעדערט.

מיט פֿופֿציק יאָר צוריק

נ. ב. מינקאָוו מיט ליבשאַפֿט

מיט פֿופֿציק יאָר צוריק האָט ווער עמנם האָפֿענונג געפּלאַטערט
דאָ אויף דער ייִדן־גאַס — דילענסי, סאַפֿאָלק, רידזש און פּיט?
אויף גרענד סטריט, איסט־בראָדוויי? ס'האָט ווער עמנם יונגשאַפֿט
דאָ געבריט
די היץ ניו יאָרקישע, וואָס האָט אויך דעמאָלט בייז געמאַטערט,
ווי מיך אַצינד ביי יעדן טריט?

שאַרקאַנסקים? ראָזענפֿעלדס? יהואשס? צי אפֿשר אימיצנס
פֿון יענע,
וואָס האָבן נישט באַוויזן זייער ערשטן יונגשאַפֿט־בליק
צו טרייסטן און צו רייפֿקייט אויסצובויען זיך אַ בריק?
באַבאַד, צי לעמפּאָרט, וואָס ניו יאָרק האָט זיי ווי אַ היענע
דורכגעגריזשעט דעם געניק?

די גאַסן זענען אַלץ די אייגענע, און אויך די הײַזער.
ווי דעמאָלט שטייען זיי — קאַזאַרמעס, גראָ־און רויטע ווענט,
און פֿענצטער שטויביקע, און אײַזן־זשאַווער, און צעמענט.
אַן אַלטער שווינדזיכטיקער זייגער ווינקט מיט יעדן ווײַזער —
„ווי דעמאָלט — שטאָט פֿון טענעמענט".

נאָר דעמאָלט האָבן זיך די שויבן שטויביקע געשפּיגלט
אין דיבור ייִדישן פֿון יונגוואַרג, אין דעם שום און שפּיל
פֿון קינדערשן געלעכטער, לײַכט געמיט און גרינג געפֿיל.
פֿאַראַן אויך קינדער איצט, נאָר זייער וואָרט איז נישט באַזיגלט
מיט ייִדיש־טאָן, נישט הויך, נישט שטיל.

א. לעיעלעס

66 אַמעריקע און איך

וואו איז דאָס אויסגעבענקטע וואָרט פֿון אַלע געטאָ־טרוימער,
דער ייִדיש־בלי און פֿלי אין דעם ניו יאָרקער שטיינער־וואַלד?
— אין מיר! מײַן בליק באַלעבט פֿונסנײַ דעם ׳שטויביקן אַספֿאַלט
מיט זייער ליכט. איך בין דער אויפֿהיטער, דער טרײַער שומר
פֿון זייער ווײ־און־פֿרייד געשטאַלט.

און איך? נאָך פֿופֿציק יאָר וואו וועלן זײַן די אַלע שלעסער,
וואָס כ׳האָב אין שטויב און שטאָל געבויט מיט פֿאַרב פֿון האַרץ
און מאַרך?
ווער וועט באַנײַען זיי, ווער צושטעלן אַ וואַנט, אַ דאַך?
אָ, לאָמיך זאָגן דרייסט, איך וויים עס וויסיקער און בעסער,
איך זאָג מיט אַלע חושים וואַך:

דאָס הויז מײַנס איז אויף אייביק, און ס׳וועט גאָרנישט גיין לאיבוד,
קיין פּורפּור, גרין, קיין גאָלד און קיין שום אַנדערע קאָליר,
וואָס כ׳האָב אַרײַנגעחלומט אין אַ פֿענצטער אָדער טיר;
קיין קלענסטער פֿלי־געדאַנק, וואָס כ׳האָב פֿון שטיין אַרויסגעדליבעט.
ס׳וועט דאָרשטיק לעבן אַלץ — נאָך מיר.

סואַרד פּאַרק

דער פּאַרק איז באַזעצט, פֿול מיט עלטערע לײַט,
בערדיקע ייִדן און װײַבער אין פֿרומע פּאַטשײלעס.
זײ זיצן און לעזן זיך מעשׂיות פֿאַרשײַט —
מיט ליבע, קובעבע, מיט לאַקריץ און תּכלת.

זײ לײענען און מאַכן מיט די ליפּן דערבײַ.
איך קוק אויף זײער רײצונג מיט פֿולער פֿאַרגיבשאַפֿט.
דען אַרום זײ קערט װעלטן דער שעלמישער מאַי
און איבער זײ גרינען די בײמער מיט ליבשאַפֿט.

די קאַלטע געבליטן צעװאַרעמען זיך אַ קװינט,
די ייִדישע װערטער בלאָזן אַ ייִנגערן אָטעם.
זײער לעבן איז אַװעק נאָר װי פּלעװע אין װינט,
טאָ זאָלן זײ זיך קװיקן מיט זשאַריקן שאָטן.

איך קוק אויף די לײַט. כ'זע אויך שאָטנס אַ סך
און אַלערלײ מינים און פֿאַרבן פֿון פּלעװע.
כ'זע ריטערס און שטרײַטערס, װאָס האַלטן דאָ װאַך,
כאָטש יעדער פֿאַרפֿלױגן — אין הימל אַ מעװע.

דער פּאַרק האָט יהואָשעס פּלי־שניפּס געזען,
אויך ראָזענפֿעלדס רוגזה און שטעקן טאָג־טעגלעך.
אַ באַנק איז אַמאָל ליעסינס אָפּרו געװען,
און סלאָנים האָט הויך רעציטירט דאָ זײַן שיר אויף די שטעגלעך.

68

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

משה לייב האָט דעם פּאַרק גרילציק אויסגעלאַכט,
און משה נאַדיר האָט שטעכיק פֿון אים זיך געוויצלט.
לאַנדוי האָט סאַמע דאָס גראָז מיט אַ נאָז־דריי באַטראַכט,
מנחם האָט מיט זשמוריקע אויגן געבליצלט.

האָפֿערדיק יונג האָבן דאָ געפֿיבערט שטורמישע קעפּ
און יונגע געזאַנגען האָבן יִידיש געחלומט.
זיך געראַנגלט מיט שטאָט און מיט אירע גאַסיקע קלעפּ,
זיך געקריגט קעגן וועלט און צווישן זיך נישט געשלומט.

אַ מאַי האָט אויך דעמאָלט שטאָלץ מיט יונגשאַפֿט געגרינט
און שטאָלץ האָט יעדער געזונגען פֿאַר זיך און אינייִנעם.
איצט זיצן דאָ זקנות און שעפּטשענדע זקנים,
שלינגען נעכטיקע טעג און פֿאַפּירענע זינד.

רויטער זיגל

נאָר־וואָס געפֿלויגן איבער דעכער
פֿון העכסטע געבייען —
לופֿטיקע רינגען פֿון פֿרייד און באַוועגונג.
נאָר־וואָס מיט רויטע פֿיסלעך געהיפּט,
מיט געלבלעכן שנעבעלע געפּיקט —
גראָ־בלאָלעכע מינוטן פֿון פֿרידלעכער באַוואָרנטקייט.
געהיפּט, געפּיקט
און נישט דערבליקט דעם רעדערדיקן מלאך־המות
פֿון די וועגן.

פֿאַרטאָן זיך נעבעך שטאַרק אין אַ קערנדל.
זיך צופֿיל פֿאַרלאָזט אויף דעם געטרײַען פֿליגל.
צופֿיל דעם כּישוף פֿון פֿליען
געטרויט.

צעמורשט דער שטאָלצער פֿליגל.
אַן אויטאָ האָט אַוועקגעלייגט דעם רויטן זיגל
פֿון טויט.
אוים טויב — בלויז קלעפּיקער שטויב,
פֿאַרבלוטיקט און קאַלט
אויף מוטנעם אַספֿאַלט.

מידע מורא

ס׳לעבן הענגט אויף דינסטער האָר,
וואו דו קערסט זיך נאָר — געפֿאַרן.
צווישן אויטאָס און פֿאָנאַרן
ווערסטו אָן די גאָרע וואָר:
פֿילסט, מען וויל דיך נאָר פֿאַרנאַרן.

אונטן רעדער. אויבן הויך
זשומען עראָפּלאַנען האַסטיק
אין אומערדישער גימנאַסטיק.
וואָס ביסטו? צומאָל קיין רויך
אין מאָטאָרישער פֿאַנטאַסטיק.

האָסטו מורא? ס׳ווערן מיד
אויך דער מוראס „אויב” און „אָבער”,
אויך דער שוואַכסטער מורא־האָבער.
ס׳היפּאָכאָנדרישע געמיט
איז אין מאַי שוין שטאַרק געניט —
ווערט עס העלדיש אין אָקטאָבער.

ניו יאָרקער נעכט

נעכט ניו יאָרקישע, צעפּלאַמט און פּיל־קאָלירּיק.
נעכט פֿאַרשײַטע, טומלדיקע, ווײַסע, אויף בראָדוויי.
נעכט — אַרײַן־אַרויס פֿון אַ קאַפֿיי צו אַ קאַפֿיי.
נעכט, וואָס שרומפּן אײַן דיך צו אַ חיריק
אונטער סלופּעס ליכט, וואָס זויגן אויס די „ליריק"
פֿון אַ מענטשנס האַרץ אין גרילציק־רײַסיקן געשריי —
אין די אַלע נעכט באַהאַלטן ליגן צווייטן
פֿון מײַן אומרו — נאָך נישט אויסגעברענטע קנויטן.

נעכט אין רחבֿותדיק צעבליטן פּאַרק בײַם בראָנקסער טײַך —
נעכט אין סענטראַל־פּאַרק און אין דעם פּאַרק קראָטאָנע.
איצט נאָך שלײַכן דאָרט מיט רונדן, הונגעריקן שלײַך
שאָטנס — אונטער הימלען מיט און אָן לבֿנה.
ס'איז די נישט־געזעענע, געהיימע זאָנע,
ס'איז דאָס אויסטערלישע, כּישופֿדיקע קיניגרײַך,
וואו די צײַט היט ווי נישט־אויסגעלייזטע רענדלעך
מײַנע וועלונגען פֿון עטלעכע יאָרצענדליק.

נעכט בײַם ים־ברעג, וואו דאָס רוישן פֿון די וואַלן
האָט געטײַטשט די אומגעדולד פֿון מײַן נשמה'ס שפּראַך.
נעכט בײַם האָדסאָן, אים קום איך מײַן סאַמע העכסטן שבֿח.
אַלע נעכט די עדות פֿון מײַן אָפּטן פֿאַלן,
אָבער אויכעט פֿון מײַן שטײַגן און מײַן קוואַלן.
נעכט ניו יאָרקישע, פֿאַרשידענע, אַ סך, אַ סך.
כ'וואָלט באַשיידט דאָס רעטעניש פֿון מענטשן־לעבן
כ'זאָל כאָטש איינע קאָנען פּינקטלעך איבערגעבן.

72

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

נאָר דורך אַלע נעכט, די רווישיקע, פּאַטאַלע,
האָב איך אַלעמאָל געבענקט צו שטונדן בלויז אַ פּאָר —
יענע שטילע שעהן, וואָס באמת מײַנע נאָר.
שפּעטע שעהן, ווען די שטיבער שלאָפֿן אַלע,
און דו ביסט דער ליבער טונקלקייט מגלה
אַל דײַן וואָר, דײַן נישט־פֿאַרשטעלטע און אינטימסטע וואָר.
טיש, פּאַפּיר און פּען — עס איז די צײַט די גוטע,
ווי אויף שיף — אַליין, אין אַ פּריוואַט־קאַיוטע.

כ׳היט אײַך, ליבע שעהן מײַנע, ווען אַפֿילו
ס׳גייט דער טויט אין אונדזער הויז ווי פּעטסטער ווירט אַרום:
ווען דאָס האַרץ און אויך די צונג באַגערט צו ווערן שטום;
ווען דער טײַטש פֿון ייִדיש זענען זיפֿצן שטילע,
און ס׳בלײַבט אומגעהערט די לעצטע מתים־תּפֿילה;
ווען די וועלט, די וועלט פֿון אונדז, קומט נאַכטיק, טאָגיק אום.
איז עס אַן עבֿירה? — פֿון די שוואַרצסטע גריבער
רײַסט זיך ס׳לעבן פֿאָרט אַרויס, און ברענט און פֿיבערט.

פֿיבער, לעבן מײַנס! פֿון ערשטער נאַכט, נישט־גלאַטער
איז דאָס פֿיבערן דײַן נוסח, איז עס דײַן עמבלעם.
פֿיבערסט איצטער אויך, ווען דער גורל לייגט זיך אויף דער ברעם,
ווי אַ פֿויסט פֿון חשכות, שווערער מי און מאַטער,
רײַסט זיך מיט אַן אימפּעטיקן, דרייסטן פֿלאַטער
פֿון דער פֿויסט און פֿון דעם גאַנצן וואַרגנדיקן קלעם.
רײַסט זיך — וואו? אַ, איידער אַלץ ווערט אויסגעלאָשן —
צו דעם לעצטן אָנהאַלט, צו דעם ליד און לשון.

איך דערמאָן זיך. כ׳האָב ערשט הײַנט געלייענט לידער,
לאָמיך נישט באַשיידן זײַן און רעדן אָנאָנים:
כ׳האָב געלייענט מײַנע לידער מיט מײַן בעסטער שטים.
יונגע אויערן, יונגע אויגן, יונגע גלידער

73

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

האָבן אײַנגעהערט זיך פֿרום, ווי אין אַ סידור.
יאָ פֿאַרשטאַנען, נישט פֿאַרשטאַנען — מיך האָט ליב, אינטים,
דורכגענומען זייער יונגשאַפֿט און דערוואַרעמט.
פֿריידיק האָבן פֿייגל זיך אין מיר צעליאַרעמט.

פֿייגל — טויבן, מעוועס, שפּערלען גאַנצע טשאַטעס
האָבן פֿליגלדיק געפּאַטשט אין מײַן פֿאַרשטויבט געמיט,
און געטשוויטשערט, און גערופֿן, און מיך אָנגעגליט.
ס׳רעדט זיך, פֿייגל, — דורך דער צײַטס פֿאַרראָסטע גראַטעס,
דורך די יאָרן, בערדיקע סאָלידע טאַטעס,
האָבן אַלטע האָפֿענונגען אויפֿגעשײַנט געניט,
האָבן וועלונגען אַמאָליקע געשפּאַרט זיך
און געהאַלדזט מיך אײדל און געצערטלט האַרציק.

וועלונגען אַמאָליקע. איך בין מיט שלאַכטן
אין דער יִדיש־דיכטונג אָנגעקומען — פֿײַער־פֿלאַם.
כ׳האָב פֿאַרנומען נײַע ריטמען, און אַ נײַער גראַם
האָט געאָטעמט דורך אַ לעבנס־אויסקוק, אַ געבראַכטן
נישט בלויז פֿון די מעלאַנכאָלישע פֿאַרנאַכטן,
אָדער פֿון דער שמאָלער, ליריש אויסגעצירטער ראַם.
ס׳האָט אַ שאָט געטאָן אויף מיר מיט זאַווערוכעס,
גלײַך איך וואָלט צעבראָכן הייליק־אַלטע לוחות.

און ווען יאָ? עס טראָגט דאָך יעדער נײַער דיכטער
נײַע דינים, אַ מין נײַעם דיכטער־דעקאַלאָג.
ס׳גילט אויך נישט פֿאַר אים די פֿרעמדע שפּיגלדיקע וואָג
פֿון געפֿעלן אייגענע צי פֿרעמדע ריכטער.
לאָזט עס צו דער פֿרוי, וואָס מוז מיט יענעמס ליכטער
מעסטן סײַ איר רייץ אין אָוונט, סײַ איר לעבנסווערט בײַטאָג.
נישט קיין צושטים — כ׳האָב געזוכט דעם וואָרסטן פֿורעם
פֿאַר מײַן טיפֿסטן תּהום און העכסטן טורעם.

74

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

כ׳האָב געחלומט: מיט דער נייקייט, מיט דעם אַנדערש
וועלן מיטגיין נײַע דורות, יונגע טעכטער, יונגע זין.
כ׳האָב געזען ווי יִדיש קומט־אויף גאָלדיק, קומט־אויף גרין,
וואַקסט און שפרייט זיך צײַטיק אין דעם פֿאָלק פֿונאַנדער,
און דורך לאַנגן, ים־יבשהדיקן וואַנדער
גייט פֿון טשאַיניק פֿאָלקישן צום דינסטן פֿיליגרין.
ס׳האָט אַזוי געקאָנט זײַן — שווערער אָדער גרינגער,
נאָר עס שטעכט אין אונדזער האַרץ אַ לאַנגער פֿינגער.

אונדזער יִדיש איז דער פּרצוף פֿון דער אומה,
ווי דער אומהס גורל, ס׳אייגענע באַשערט דער שפּראַך.
דילן לייגן אונדזער עובֿדה, קיינמאָל נישט דעם דאַך.
סײַ אין טעג פֿון שטילקייט, סײַ פֿון פֿיל מהומה,
סײַ מיט הויכע קולות, סײַ מיט אויגן שטומע,
טרוימען מיר פֿון דעכער, שפּיצן, טרוימען אויף דער וואַך.
אויבֿ פֿאַראַנען שפּיצן, בלישטשיקע ווי זילבער,
ליגן מיר בײַ גרונטן — טרוימענדיקע מילבער.

מחנותוויַיז געקומען זענען די זכרונות
פֿון מײַן ווײַט באַגערן אונטער דעם געשמאַקן קוק
פֿון דעם יונגוואַרג. כ׳האָב דערזען מיט ווייטיקדיקן צוק
וואָס איז נישט געוואָרן, און מײַן גוטע לוינע
האָט געטוקט זיך אין די פֿלעקן גרויע, ברוינע,
פֿון אַ מוטנעם, קיזלדיקן, טומלדיקן ברוק.
כ׳האָב געוועדט זיך, קעגן יאוש זיך פֿאַרטיידיקט,
ס׳האָט דער יאוש שיִער מיר ס׳לעצטע האָפֿן אויסגעליידיקט.

דער רעגירער

דער מענטש די טעג איז ביטער קראַנק
און גאָר נישקשהדיק משוגע.
דער פּחד שטייט אין אויגן לאַנג
בײַ שוטים, ווי בײַ קלוגע.

די גאָרע וועלט פֿון דאָרף און שטאָט
שלאָפֿט שלעכט אויף פֿיבערדיקע שטרוי־זעק.
און איבער אַלץ — אַ שדם געבאָט,
דעם שׂטנס שאָטן און זײַן חוזק.

גראָד הײַנט האָב איך זיך נאָענט באַקענט
מיט — רופֿט עס אשמדאים מיסטעריע.
איך האָב דעם שד מיט שווערע הענט
געזען אין בראָנקס־פּאַרק מענאַזשעריע.

ס׳האָט אַ גאָרילע מיט דער פֿויסט
געסטראַשעט ווילד מיר אין בהלה,
און ס׳האָט אַ שׂנאה היים געברויזט,
געברענט דורך אויגן־שפּעלטלעך שמאָלע.

איך בין געשטאַנען בײַ דער שטײַג,
געהילט אין אָנונגען און אימות.
דערלאַנגט דעם אַף נאָר דאָס געצײַג,
ער וואָלט מיך אויפֿן אָרט געממיתט.

76

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איד

דער אַף אַ היפּשער זקן שוין,
זײַן מאַרך — פֿאַרהאַרטעװעטע גרודע,
און איטלעך אויגל, שפּיציק־ברוין,
אַ גיפֿטיק־שטעכיקע נקודה.

פֿאַרװאָר, אַזאַ דער שד, װאָס האַלט
דעם מענטש אין שרעק אין האַס, אין חומראָ,
עס האָט אים פֿון דעם װײַטן װאַלד
געשיקט דער אַלטער שׂר פֿון אומרו.

און נישט געגנוג, װאָס ער רעגירט
די װעלט און האַלט זי אין אַרענדע —
אין יעדן מענטש באַזונדער פֿירט
אַ שװאַרץ גאָרילעכל די גרענדע.

צום ערשטן מאַי

משה גאָלדין, איבער זיבעציק העט-העט,
געדענקט נאָך ראַזענפעלדן אין זײַן יונגשאַפט.
משה גאָלדין קאָן נישט רעדן צו דער זעט
פון „מאָריסקעס" געוואַגטקייט און געלונגשאַפט.

משה גאָלדין פילט נאָך איצט, אַז איסט-בראָדוויי —
דאָס איז זײַן טאַטע-מאַמע, שטוב און חופּה.
איטלעך שילדל פרייט אים אָדער טוט אים וויי,
די הײַזער, ברוק, די לופט און ער — אַ גרופּע.

דאָס האָט יעקבֿ גאָרדין נאָך געזאָגט אים דאָ,
און דאָרט האָט אים אינטים פאַרטרויט זיך ליעסין.
דאָ, בײַם ראַג, האָט אויף דערהויבנסטן ניוואָ
יהואָש זיך אַנטפּלעקט. ווער קאָן פאַרגעסן?

אָט ערשט נעכטן, משה גאָלדין קײַט דעם „ערשט" —
אַ גאַנצע העלפט כּמעט פון אַ יאָרהונדערט!
ווי אַ ביטערן, פאַרסמטן, בייזן גערשט
צעקייט ער אָט די צאָל, פאַרוואונדט, פאַרוואונדערט.

און דאָס יונגוואָרג? — ס'האָט דער אכזרניק, דער טויט,
פון אים שוין אויך געבערגלט אַ בית-עולם.
די פאַרבליבענע — שוין מיד און היפּש פאַרגרויט.
וואו איז דער שפּאַן? דער „מרעיש עולם"?

משה גאָלדין פּאָכעט באַנג מיט אַ בילעט:
„מ׳עט מוזן גיין, מ׳עט מוזן”. ער צעקרעכצט זיך:
„אַז נישטאָ שוין באַלד קיין אַנדערער באַנקעט,
ווי נאָר אַ שׂמחה אויף צו פּראַווען זעכציק”.

משה גאָלדינס קוק בליצט אויף, ווי עפּעס נײַ.
אין בליק — אי בלעטער־גרין, אי רויטע בלומען.
„שאַ, וואו האַלטן מיר? ס׳איז ערבֿ ערשטער מאַי,
כ׳על גיין! ס׳הייסט? — „ווידער איז דער מאַי געקומען”...

ראָזענפֿעלדס פֿאַריונגטע רייד — ווי ס׳וואָלט פֿון שניי
אַ גאַנצער באַרג אַראָפּ פֿון משה גאָלדין.
האָפֿערדיק־פֿאַרשײַט לאַכט ווידער איסט־בראָדוויי
מיט פֿענער־פּורפּור און מיט גאָלד פֿון טראָלדן.

צו איַך דיכטער יִדישע

דיכטער יִדישע, איר מיַינע נאָענטסטע ברידער,
ברידער פֿון דעם זעלבן עלנט, פֿון דעם זעלבן יאָך,
פֿון דעם זעלביקן פֿאַרלווירעניש און בראָך —
כ׳שריַיב צו איַיך די שורות, אַזאַ ליד פֿון לידער,
מיַין אינטימסטע שטים, וואָס ווידער אַלץ און ווידער
קלינגען וועט אי היַינט, אי מאָרגן, און דערנאָך.
האָרכט מיַין וואָרט דורך איַיער זוכן, ליַידן, האָוועך,
אין געצווימטע און געמאָסטענע אָקטאַוון.

צוימען מוז איך זיך, כאָטש כ׳ליב די ריטמען פֿריַיע,
און איך האָב מיט זיי געלופֿטערט אונדזער שפּראַך און צונג.
נאָר כ׳האָב איצטער מורא פֿאַר צו פֿריַיען שפּאַן און שוואונג,
ס׳יאָמערט אונדזער וואָר מיט יאָמער פֿון לוויה,
שרעקיק הענגען איצט די טרוימען די געטריַיע,
וואָגן נישט צו שפּינען האָפֿערדיק, צו שפּינען יונג.
ווען קיין גרענעץ איז נישטאָ פֿאַר די יסורים,
וויטיק־אוים אַ סיאָג פֿון שטרענג־געצווימטן פֿורעם.

אונדזער ליד פֿון זיבנפֿאַכעדיקן הימל,
אונדזער ליד, מיט טוי און נויט פֿון יעדן לאַנד גענערט,
קען עס נישט באַפֿרוכפּערן פֿונסניַי נאָך יעדע ערד?
אָ, מיר האַלטן וויַיט נאָך אַלף, בית און גימל,
אונדזער ליד, נאָך נעכטן ערשט אַ גרעזל, בלימל,
איז שוין אַ צעוואָקסנקייט וואָס זעלטן ווער באַשערט.
אויב אונדז שטויסט אַ האַנט צו סאָמע לעצטער נידער,
לאָמיר זינגען היַינט די העלסטע, העכסטע לידער.

80

א. לעיעלעס

אמעריקע און איד

זאָלן זיי ווי פּאָרכטיק־פּלאַטערדיקע טויבן
זיך צעשוועבן איבער בערג און טאָלן פון דער צייט,
צו אַ זמן, וואָס פילט אין גלייכגילט, צו אַ זמן פאַרשייט.
זאָלן זיי אַ קלאַפּ טאָן אין אַ צווייפלערס שויבן,
און דערציילן וועגן אונדזער וואונדיק גלויבן,
און דערציילן וועגן אונדזער נויט און אונדזער שטרייט.
מעגלעך, ערגעץ וועט זיך עפענען אַ פענסטער,
און ס׳וועט אויסשטרעקן זיין אָרעם דער פאַרפרעמדטסטער.

אין אַ פֿרילינג־טאָג

כ׳בין געשטאַנען אויף דעם העכסטן באַרג
אין פֿאָרט טראַיאָן פּאַרק.
דער פֿרילינג האָט העל
געאָטעמט זײַן ערשטן אָטעם פֿון גרין און געל.
בלויז אַן ערשטער בלאָז
און אויף קוסטעס האָט געאיידלט ראָז.

אַרום מיר האָבן מענטשן מיט אויפֿגערוימטן חידוש
געגאַפֿט אויף יעדער פֿאַרב-באַלעבטער בייט.
גערעדט גויאיש, גערעדט יִדיש,
און זיך מיט זעלבער פֿרייד געפֿרייט.
קינדער, די טומלדיקע ערנוואַך פֿון פֿרילינג,
האָבן געבלענדט אין רוישיקער פֿאַרשפּילונג.

דיביימער, נאָך ריטלדיק, האַלב-נאַקעט,
האָבן מיט גאָפּלדיקע פֿינגער
לופֿט און ליכט געאַקערט,
און מיט סודותדיקער שפּראַך, מיט ביימערדיקע צינגער
צום הימל-בלוי באַלאַקעט.

ווי אַ טורעם זון האָט געלויכטן דער באַרג
אין פֿאָרט טראַיאָן פּאַרק.
פֿון איין זײַט האָט זיך ווײַס געקעסטלט די שטאָט,
ריי נאָך ריי;
פֿון דער צווייטער — האָט
דער האָדסאָן זיך געזשמורעט אונטערן ליכט-פֿאַרזיי.

82

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

פלוצעם — כ׳ווייס נישט פֿון וועלכן גרעזל, בלימל,
פֿון וועלכער זון, לופֿט, הימל,
פֿון וועלכער קאַליריקער רייצונג,
איז אין מיר אויפֿגעגאַנגען אַ פֿאַרפֿלייצונג
פֿון רחמנות, רחמנות שאַרף און וואַך,
צו איטלעכער לעבעדיקער זאַך.

דערנאָך איז אינמיטן מענטשן־רויש געוואָרן שטיל,
ווי בײַם בעט פֿון אַ מענטש וואָס ליגט חרובֿ,
אָדער בײַם טרעפֿן זיך נאָך יאָרן, יאָרצענער פֿיל,
מיט אַ גרײַז־געוואָרענעם קרובֿ.

כ׳וועל נעמען פֿאַר ליב דעם לעבנס קלעם,
דעם אומפֿרײַנטם סם, דעם רשעס שלאָגן,
און אפֿשר באַנעמען דעם ניגון־פֿאַרנעם,
די שירה צום גוטס פֿון ישׂראל בעל־שם,
ווען כ׳וועל אָט דעם טאָג אין זיך קאָנען טראָגן...

זון־פֿאַרגיי אין אַריזאָנע

י. פּאַשקאָן

עס זאַמלט, זאַמלט זיך דאָס זאַמד פֿון אַריזאָנע
ביז עס הייבט זיך אויף אַ רוח מיט צעווילדטע האָר.
בייז בלאָזט ער, וויכערט מיט אַ שאַלקהאַפֿטער כּוונה ——
ס׳ליכט פֿון מדבר צו פֿאַריאָגן כאָטש אויף טעג אַ פּאָר.

די מדבר טונקלט גיך. די בערג, אָט רויטע, ברוינע,
ווערן איצט פֿאַרכמורעט — וועכטער שטרענגע אויף דער וואַך.
מיט גרויער איינגעשפּאַרטקייט לאָזן זיי דעם שונא
אָפּהוליען אַ שעה: זיי וויסן גוט, וואָס שטאַרק, וואָס שוואַך.

זיי קוקן ערנסט אויף די איינגעדרייטע ביימלעך,
וואָס צעוואָרפֿן שטייען אין דער מדבר קעגן שטויב.
עס איז די גרוילעך־גרינע הויקערלעך נישט היימלעך,
נאָר די שטומע שומרים שווייגן אוים די טרייסטונג: „גלויב!״

און אָט — דער מדבר־שד ווערט ענדלעך מיד, פֿאַרמאַטערט.
ס׳קלאָרט זיך אוים דער הימל מיט בלייך־בלויער־גרינער פּראַכט.
אַ פֿייערלעכער גייסט שוועבט אויף דער מדבר, פֿלאַטערט,
און אַ העלער אָרעם ווייזט אויף מערבֿ אָן מיט מאַכט.

דאָרט שטייט אַ פּאַלאַץ, גינגאָלד און בריליאַנטן שפּריט ער,
און אין מיטן הייבט זיך אויף אַ בלענדנדיקער טראָן.
מלאָכים ווייס־און־תּכלתע, מיט פֿלאַמיקע טרומייטערס
די באַשערטע גרויסע שעה פֿון חסד זאָגן אָן.

84 אַמעריקע און איך
אַ. לעיעלעס

פּאַרוואָר! די שעה איז דאָ און מלכותדיק איר אויסזען.
שלאָס פּאַרשווינדט. אַ פּלאַם. מלאָכים שיידן זיך אין קוש.
נאָר ס׳האַרץ פֿון פּלאַם ברענט אינעווייניק נאָך און דרויסן,
ס׳ברענט און נישט פֿאַרברענט ווערט ס׳האַרץ — דער אורער דאָרנבוש.

אַ פֿײַערלעכע שטילקייט רוט אויף אַלע שטרעקן,
און די בערג, די שומרים, היטן ס׳גרויסע ליכט אין טאָל.
... און משה שפּאַנט באַנײַט מיט פֿאַרכטיקער אַנטפּלעקונג,
וואָס איז לויטער ליכט און לויכט נאָך הײַנט, ווי אַלעמאָל.

וואַשינגטאָן סקווער

א

אַן אַלטער סקווער, מיט אַלטע בענק אוןביימער,
פֿול מיט זכרונות, ווי מיט גרינעם בלעטערוואַרג.
דאָ האָט געבליט אָ׳הענרים „באָם” און טרוימער,
און הענרי דזשעימס האָט מעשׂה פֿײַער־שומר
געשטראָפֿט דאָס לאַנד פֿאַר זוכן רק דעם גאָלדן־באַרג.

ניו יאָרקס אַ חן־גריבל. אַ סך־קאָלירִיק,
דאָ מיניען פֿיל פֿון מײַנע טעג מיט יוגנט־שפּאַן.
פֿון דאַנען האָט מיט בענקענדיקער ליריק
געלאָקט דער „ווילעדזש”, אָט דער קינסטלער־חיריק
אין נעוויאָרקס בוך פֿון שטיין, קאָמערץ און סאָבוויי־באַן.

ב

אין גרעניטש־ווילעדזש שענקלעך, ווילד, פֿאַנטאָמיש,
האָב איך געזען פֿאַרשיכּורן אי זיך, אי וועלט,
אַ גאַנצן דור, וואָס האָט גראָטעסק און קאָמיש
פֿון זיך געסטראָיעט נאָר אַ נוטה־למות,
און דאָך מיט נײַ־געבורט פֿון וואָרט און ווערק געהעלט.

אין יענע שענקען, דורך טשיקאַווע מענגעס
פֿון יונגען, מוידן, פֿול מיט שלעכטן שנאַפּס און רויך;
דורך קלונג פֿון בראַנזעלעטן, בונטע סטענגעס,
דורך הויכע רייד אין ענדלאָזע שערענגעס,
האָט מײַן באַגער געשטאַרקט זיך און געקלעטערט הויך :

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

אָ, מוחל שנאַפּס און רויך און שמאָכטעליייען,
און רייַסן ס׳בשׂר זיך, און לויבן קראַפּט.
אויך מוחל ס׳פּלאַפּלען פֿון צעפֿאַרבטע פּאַפּוגייַען,
נאָר יידיש דאַרף דעם יונגן שוואונג אַנטלייַען
פֿון שפּאַן אַמעריקאַנישן, דעם שוואונג פֿון האַפּט.

ג

געוועז, געוועזן. דאָס שאָרכן פֿון די בלעטער
טראָגט אָן פֿון זאַכן, פֿנימער דעם אַראָמאַט,
און יאָרן, מערסטנס אין געוויטער־וועטער
פֿאַרבייַ ציקלירן אָן אַ „פֿריער”, „שפּעטער”:
אַ סומנער יעסען־קאַראַהאַד פֿון בלאַט נאָך בלאַט.

דערוויַיל — דער סקווער, וואָס טראָגט דעם העכסטן טיטל
פֿון אַלע נעמען אין אַמעריקאַנער לאַנד,
איז פֿריש צעפֿרילינגט. איטלעך שקאָציש ריטל
קוקט האַפֿערדיק פֿאַרשייַט מיט גרינעם ביטול
אויף צייַט, אויף טויט — צייַטס ליבסטן פֿליגל־אַדיוטאַנט.

ד

און אויף אַ באַנק אָן אַלטער אַרבעטאָרער
זיצט שווער און לייענט אין דעם בלאַט די לעצטע נייַעס:
אין אַזיע קריג, געפֿאַר אין וועלט, אין גאָרער,
און מאָרד, געזוואַלט־טאַט אין ניו יאָרק — אַ וואָרער
גיהנום וואָס הייצט זיך אַליין מיט מערער פֿלייַס.

די נייַעס האָט אויף דעם אַלטן קנאַפּ וואָס פּעולה.
ער מישט די צייַטונג אָן התפּעלות אָן פֿאַרדראָס.
ער האָט איין אויג און ס׳איינע איז מכולה.
מוז ער זיך העלפֿן, חוץ מיט סתם שפּאַקולן
נאָך מיט אַ רונדיק, אויסטערליש פֿאַרגרעסער־גלאָז.

נאָר ס'איינע, שוואַכע אויג איז גאַנץ גענוג אים
צו מערקן וואָס אַזוינס עס טוט זיך וויזאַווי.
ביז ער שטויסט אָפּ דער צײַטונגס פֿולע קרוגן
מיט פּחדים, זינד און פֿינצטערע תּענוגים,
און לאָזט דאָס בלאַט אַראָפּפֿאַלן אויף שווערע קני.

ער זעט צוויי האַרבסטן רײַסן זיך צום פֿרילינג
אויף קעגנאיבערדיקער, הינקענדיקער באַנק.
ס'געפֿעלט אים. פּלוצלונג זיפֿצט ער אָפּ נישט-ווילִיק.
ווער וויים, וואָס פֿאַר אַן אַלטע נישט-דערפֿילונג
האָט אויפֿגעוואַכט אין אים מיט בײַסיקן פֿאַרלאַנג.

ה

די האַרבסטן צוויי — זיי האָבן מיט אַן אמת
געפֿרילינגט פֿיבערדיק מיט הענט, מיט אויגן-שײַן.
„דאָס לעבן איז בלויז הײַנט, טאָ אײַל זיך, נעם עס.
דער מאָרגן איז אַ ווינט און ווער וויים וועמעס?"
דאָס האָט דער סקווער געשעפּטשעט אין דעם בלוט אַרײַן.

דער סקווער האָט זיך געמיידלט און געייִנגלט,
אָט פּונקט ווי דרײַסיק, פֿערציק יאָר צוריק.
די קינדער האָבן זיך געשפּילט, געצינגלט,
געלאַכט, געשטיפֿט, געפּלוידערט און גערינגלט
די קייט אָן-ענדיקע, די מיסטעריעזע בריק.

ו

די האַרבסטן צוויי — ווי לאַנג צוריק געזומערט?
ווי לאַנג געפֿרילינגט — גאָלד און בלאָ און וויים און ראָז?
קיין געלקייט, גראָקייט האָבן נישט געאומערט,
דאָס האַרבסטלאַנד האָט אין זיי נאָך נישט געקומערט,
און ווײַט האָט אויסגעזען דעם ווינטערס קטלן-בלאָז.

88

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

בלויז דרויסן ערגעץ שעלמעוועז סעזאָנען,
נאָר אינעווייניק לעבן אַלע נעכט און טעג.
פֿיר אויגן קוקן אָן זיך און זיי מאָנען,
צוויי הענט באַרירן זיך און וויליק אָנען
אַ נײַעם מזרח-בלישטש, אַ נײַעם בלאָען וועג.

די ביימער — גלײַך קיין צײַט וואָלט נישט געלויערט.
די זון קוקט דורך די בלעטער, גלײַך פֿונסנײַ געשײַנט.
דער סקווער לאַכט יונג, גלײַך קיינער וואָלט געטרויערט,
און יאָרן שושקען, גלײַך ווי נישט באַדויערט:
דער נעכטן איז אַ זעגל ווײַט, פֿאַראַן בלויז הײַנט.

ז

פֿון קרושניעוויץ, וולאָצלאַוועק, לאָדזש און לאָנדאָן
ביז צו דעם אַלטן רוישיקן ניו יאָרקער סקווער —
מײַן בליק איז דאָרט און באַלד צוריק געוואָנדן,
און זעט אַ קינד, און זעט אַ בחור בלאָנדן.
און זעט אַ גאַנצע וועלט דורך שמייכל און דורך טרער.

דאָס בלאָנדע יינגל, אין דעם האַרץ פֿון האַרבסטלאַנד,
איז אָפֿט פֿאַרווירט אין שפּיל פֿון דעם סעזאָנען-גאַנג.
דאָס רויט און אָראַנדזש — איז עס וואָר פֿון שטאַרבלאַנד,
צי חלום פֿון דעם פֿרילינגספּלי און פֿאַרבלאַנד?
אַלץ יונגט נאָך — ער, זײַן פֿאָלק, זײַן ליד, זײַן לשונס קלאַנג.

דאָס יינגל גאַפֿט אין אַ געפּלעפֿטקייט שטומער,
אַלץ מישט זיך און ער וויים קוים וואו דער חשבון האַלט.
ער איז אַ הויז נאָך אָן אַדרעס און נומער.

— — — — — — — — — — — — —

און אַלץ איז קלאָר, ווי פֿעלד אינמיטן זומער,
און אַלץ איז סוד, ווי דעמערונג אינמיטן וואַלד.

89 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

אַמעריקע און איך

קאַפּיטל איינס

א

לאַנג שוין ווי פֿאַר זיך אַליין כ׳וויל מאַכן אַ סך־הכּל
פֿון דעם יובֿל יאָרן, וואָס איך שלינג אַמעריקאַנער לופֿט.
צײַט — איך ווייס איז בלענדעניש, אַ דיק און האַרטלעך יאַקל
איבער אַלע חושים, איבער דער מחשבֿה, גראָב פֿאַרגופֿט.
נישט קיין בלענדעניש איז דער געבאָט פֿון דעם אָראַקל,
וואָס האָט כיטרע, טראָט נאָך טראָט, אַ וואַקל נאָך אַ וואַקל
מיך פֿון יונגן בלענד געריסן און מיט עלטער מיך געפּרוּווט.

לויט דעם לוח, לויט די צייכנס, דאַרף אַצינד מײַן מעמד
זײַן ווי פֿון אַ קוקער ערגעץ אונטן אין אַ גראָט צי טאָל —
הויך אַרויף צו ביימער־גרין, צום הימלס בלאָען סאַמעט,
הויך אַרויף, וואו בלויז אין אָפּהילך קאָן דערגיין מײַן מידלעך קול.
דאָך — איך זע זיך אויף אַ באַרג און דאָרטן טאַראַראַמעט
נאָך אַ שקאָץ אַ יינגל, וואָס געהאָרכט נישט קיין מלמד,
פֿרעגט הויך קשיות, ציט זיך צו אַ שווינדלדיקן אָרעאָל.

מילא, מאַלע וואָס? ס׳איז אָפּ אַ העלפֿט פֿון אַ יאָרהונדערט,
איטלעך יאָר — אַ מילגרוים מיט געפּאַקטע פֿולע טויזנט יאָר
פֿאַר דער וועלט, פֿאַר יעדן פֿאָלק און פֿאַר מײַן פֿאָלק באַזונדערס.
דײַטשער מאָרד־מבול, וועזווויוסן טעווטאָנישער טעראָר;
רוסלאַנדס אור־אכזריותן, מיט נײַסטן רויש פֿאַררונדיקט.
אומעטום פֿאַרבלוטיקט און פֿאַרבלאָטיקט און פֿאַרוואונדיקט,
און עס זעט זיך נישט קיין לינדערונג, קיין סוף דערצו, פֿאַרוואָר.

90 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

בלויז אין לאַנד אַמעריקע, פֿון אַלע ייִדן־שבֿטים,
האָט מײַן פֿאָלק געגעסן זיכער ברויט, גערוט אין אייגן בעט,
און געלעבט, געאַרבעט און געבויט מיט פֿרײַען אָטעם
און געדענקט די ברידער ווען ס׳האָט זיי געברענט דער צווילינג־שד.
גלײַך עס האָט דער גורל, לויט די העכערע משפּטים,
צוגעגרייט דעם קרבן־פֿאָלק מיט רחמימדיקע פּרטים
איין געזונטע האַנט צו היילן, איידער ס׳נידערט הינערפֿלעט.

אין אַמעריקע בין איך געוואָרן טאַטע, זיידע.
ליבשאַפֿטן פֿאַרשידענע — צו פֿרוי, צו קינד, צו קינדערס קינד
האָבן זיך פֿאַרקנעטן, נישט אָן חבֿלי־לידה,
מיט דער לאַנד־ליבשאַפֿט און זאָרג, אַז אונזער אייגנס דאָ צערינט.
ייִד — אַמעריקאַנער. כ׳האָב אין זיך פֿאַרקניפּט זיי ביידע.
ווי־אַזוי? דערוואָרט נישט דאָ קיין סיפּור, וואָס כּסדר
קייטלט רינג מיט רינג און קלאָר, מעטאָדיש עפּיזאָדן בינדט.

ס׳לעבן פֿון בן־אָדם — ווען מײַנעם ווייס איך זיכער —
איז נישט קיין געבײַ, פֿאַרלייגט, געשטעלט לויט אַ געניויען פּלאַן.
ס׳איז געשלענגלט גרײַלעך. ס׳איז אַ טעמנער וואַלד־שטעג גיכער,
אָן אַ קלאָרן אָנהייב; און דער סוף — ער איז געווים פֿאַראַן,
נאָר מען לעבט אים נישט. ער קומט נישט לויט רעצעפּט פֿון ביכער.
גייסט געהילט אין דורכזיכטיקע און אין בלינדע טיכער,
הערסט געשעפּטש, געוואָי, אַמאָל געלעכטער אויף באַשערטן שפּאַן.

ווי דאָס לעבן — אַט אַזאַ דער לויף פֿון דעם, וואָס כ׳שילדער:
דאָ אַ נענטערער אַרײַנקוק, דאָרט אַ היפּשלעך ווײַטער בליק;
פֿינסטערע פֿאַרדראָסן, ליכט פֿון מענטשלעכקייט, פֿון מילדער;
טיפֿע לעצטע ריסן, שפּעטער — נײַע בינדנדיקע בריק;
איצטיק צאַפּלדיקע טענער, אַלט־פֿאַרשטויבטע בילדער;
רויִקע באַפֿרידיקונג און עקספּלאָזיוו געפּילדער;
מעדיטאַציעס — אַלטע פֿייגל אין אַ יונגן פֿלי צוריק.

91

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

ב

כ׳וועל נישט זינגען פֿון די וועלדער, פּאַרקן, קעניאָנס, פּרײַריס;
פֿון די גרויסע אָזערעס און טײַכן מאַיעסטעטיש לאַנג;
פֿון די טאָלן מיט די רײַכע סעדער, ביימער, פּירות;
פֿון די בערג, די שווערע, אוצרות־שוואַנגערע מיט דעם געשאַנק
פֿון מעטאַלן, מינעראַלן, קוילן, זאַלצן זײַרעס,*
וואָס דער מענטש גראָבט אויס ביז מינדסטן רעשט, ביז לעצטן שארית
מיט זײַן האַמער־קלאַנג און מיט דער דרייסטער שאַרף פֿון זײַן געדאַנק.

כ׳וועל פֿאַרהאַלטן מײַן התפּעלות פֿאַר די שטעט און כּרכן;
פֿאַר די ניסים פֿון אינדוסטריע, פֿאַר דער מי פֿון אַרבעט־הענט:
כ׳האָב באַוואונדערט און באַזונגען אָט די אַרצי־וואַזשנע זאַכן,
וואָס איניינעם האָבן זיי געבויט דעם שטאָלצן מאָנומענט
פֿון אַמעריקעס אַרויסרוף צו דעם שונאס וואַכן,
און פֿאַרבונדן אין איין גורל אומות, פֿעלקער, שפּראַכן
מיט דעם באַנד פֿון פֿרײַען ווילן, מיט דעם גלײַכן ציל־געבלענד.

שטעט אַמעריקאַנער, מאַמעס־שטעט מיט יונגע טעכטער —
כ׳קען אַסך מיט זייער זעלביקייט, מיט זייער אייגן־טעם.
נאָר פֿון אַלע שטעט האָב איך מיט ליבשאַפֿט סאַמע עכטער
ליב געהאַט ניו־יאָרק, וואָס האָט געקענט דעם יונגן ברען און פֿלאַם
פֿון מײַן אימפּעט און געזען מיט גלײַכגילט, מיט צעפֿרעכטער,
ווי דער שׂר פֿון יאָרן, אָט דער אַקוראַטער וועכטער,
האָט געקילט דעם זשאַר און צוגעטריפֿט אַליין אַ ביסל סם.

איך האָב ליב געהאַט און ליב נאָך אַלץ די עיר־הבירה,
די פּלאַנעטישע, באַרעדעוודיקע טומלערקע ניו־יאָרק.

* אין פּוילן איז אָט דאָס וואָרט אַלגעמיין באַנוצט געוואָרן פֿאַר דעם וואָס הייסט
אין ענגליש עסיד. מען האָט געקויפֿט באָר־זײַרע Boric acid צו שווענקען דעם האַלדז.

92

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

נאָר גאָר לעצטנס איז איר קוק, די גאַנצע מראה אירע
עפּעס פֿרעמדלעך מיר געוואָרן. דרייט זיך צופֿיל אויפֿן קאָרק,
זעט כּמעט נישט מײַנע בליקן — צאַרטע, שטומע שירה.
נאָר ס׳קאָן זײַן, ס׳איז בלויז די לאַנגע, פֿינטלדיקע ווירע
פֿון דער צײַט-גימטריא. מײַנע יאָרן זענען שוין אויף באַרג.

נאָר דאָס איז אַן אגבֿ-אורחא. צוימען די עקסטאַזן
איז געווען דער דרך פֿון מײַן ליד פֿון סאַמע אָנהייב אָן.
כ׳האָב דעם ליד מײַנעם פֿאַרזאָגט, געגעבן אַן אוקאַז אים
נישט צעפֿליסן זיך אין בוימל פֿון געפֿיל, אין היץ פֿון טאָן.
וועל איך אין דער פֿולסטער שעה געווים נישט זײַן מגזם.
ס׳לאַנד האָט אָפֿט אין מיר צעלויכטן ליבשאַפֿט, ענטוזיאַזם.
נאָר כ׳בין עפּעס אַנדערש אויסן, ווי צו ווערן סתּם אַ ליבשאַפֿט-פֿאָן.

כ׳וועל פֿאַרבײַגיין אויך דאָס מאַטערניש פֿון טאַט און דיבור,
דעם זיגזאַג פֿון שטאַרקע ווילנס, דעם אַרויף-אַראָפּ פֿון שטרייט,
ווען דאָס לאַנד האָט זיך געוואָרפֿן אין אַ קראַנקן פֿיבער —
באַלד צעפֿאַלט זיך עס אויף שטיקער און אין ווילדן פֿאָצן-זײַט
פֿליט איעדעס שטיק, ווי קלעפּקעס פֿון אַ פֿאַס אַ גיבור,
ווען דער אינעווייניק גיפֿטיק יערט און קאָכט אַריבער.
שטורעמס. נאָר דאָס לאַנד האָט גיך געהיילט די וואונד און זיך באַנײַט.

ג

כ׳וויל דאָ בלויז דערציילן אָן באַפּוצונג, אָפֿן, בולט,
ווי דאָס לאַנד האָט אויסגעקליבן אַ טשיקאַוון, מאָדנעם אות
פֿון מײַן לעבנס אַלף-בית און געמאַכט עס פֿאַרן מולד
פֿון מײַן גאַנצער ביאָגראַפֿיע, פֿאַרן גאָרן באַלעבאָס
פֿון מײַן שטרעבן און מײַן האָווען, פֿאַר געביטער, שולט
איבער חלומען און וואַכן און דאָס אות געקוילערט
אין פֿיל שטויבן, אין פֿיל בלענדן, אין פֿיל פֿרייד און פֿיל פֿאַרדראָס.

93

א. לעיעלעס

אמעריקע און איך

זאָל וואָס קומט דאָ אײַער גײַסט־פּריזור נישט שטאַרק צעפּאַטלען.
חידושט זיך נישט ווען כ׳וועל זאָגן, אַז דאָס אות איז פּשוט בית,
און דאָס וואָרט, גאַנץ אומהעראָיִש, איז נאָך פּשוטער, איז: בטלן.
ס׳האָט אַמעריקע די לופֿט צעהויכט, כ׳פֿיל שטאַרקער ווי איך וויים,
גראָד פֿאַר דעם, וואָס יוסטע באַלעבאַטים זידלען, טאַדלען.
כ׳וויל נישט פּראַוּוען קיין שום שמד־שטיק, קונצן פֿון אַ גדלן:
ס׳איז פֿאַר מיר פֿון אַלע גרויסקייטן דעם לאַנדס באַטעמטסטע גריים.

בטלן איז נישט פֿוילקייט, איז נישט ציילן אויבן פֿייגל,
ווען זיי פֿליען אויף אַ חתונה, ווי כ׳האָב געמיינט אַמאָל,
ווען עס האָט מיט בענקשאַפֿט מײַן פֿאַרריסן קינדיש אייגל
נאָכגעשפּירט זיי אין דעם הימל — וואונדער־צייכנס אָן אַ צאָל.
בטלן איז — נישט־בייגן זיך צוליב אַ קיכל, בייגל
און נישט־בוקן זיך צום בלישטש פֿון יעדן געלן עגל,
ווײַל עס לוינט זיך, ווײַל ס׳איז תּכלית און אַנטרינונג פֿון דעם עול.

בטלן איז דער עול אָן טראַכטן וועגן דער הוצאָה,
אָן געדאַנק פֿון באַלדיקן צי ווען־עס־איזדיקן באַלוין.
ס׳איז דער עול, וואָס אים מען נעמט אין נעכט, אין פֿינצטער־בלאָע,
ווען דער שלאָף איז נאָר אַ וואַלד־גזלן, אָן אַכזר אַ פּאַרשוין,
וואָס פֿאַרהאַקט זײַן טיר ביז העט אין שעהן שפּעטע, גראָע.
בטלן ברענגט דעם נישט־געזוכטן אוצר: די הנאה
פֿון דעם געבער, שטאָלצער פֿײַנט פֿון נעמען — קיצבֿה אָדער קרוין.

בטלן און אַמעריקע — אַ זיווג גאָר נישט גלאַטער,
שרײַט דאָ נישט קיין סומנע סתּירה על פּי שׂכל, על פּי דין?
עלעהיי אַ קלויז און עלעקטראָנען־קאַלקולאַטער?
ניין, ס׳איז נישט! יעדער בלוטסטראָפּן זינגט וויסיק: כ׳בין וואָס כ׳בין.
אויך נישט נײַ איז מיר אַמעריקאַנער אימפּעט־פּלאַטער:
איז געשטאַנען איבער מיר אין וויגל מעשׂה קוואַטער
נאָך אין לאָדזש. דאָרט אויך דער בטלן־ניגון לויטן העכסטן זין.

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

קאַפּיטל צוויי

א

פֿיר זין זענען מיר געווען בײַ אונזער טאַטע־מאַמע.
יעדער זון אַזאַ מין פֿענסטער צו דער ברייטער וועלט אַרויס.
ווילט איך — אַ געהיימע תּפֿילהדיקע טעלעגראַמע
צו דעם הימל, אַז ס׳זאָל בעסער זײַן, ווי אין דעם עלטערן־הויז
ס׳מזל זײַנס. דאָס הויז — אַ רײַכע, אָנגעפּראָפּטע גאַמע
פֿון קבצנות, ליבשאַפֿט, ענגשאַפֿט און חלומות סאַמע.
ס׳חלומען — היפּש ווײַט פֿון נוסח, פֿון קאַפּאָטע און פֿון קלויז.

ס׳איז דאָך לאָדזש געווען, די שטאָט די גרויסע, ברייט־צעוואַכטע.
יעדער ייִד אַן אונטערנעמער, אַ צעלייגער, פֿאַנטאַזיאָר;
שטאָט פֿון בוכהאַלטערס, פֿון רויך, פֿון מיידלעך פֿרײַ־פֿאַרשמאַכטע.
שטאָט פֿון האַלב ראָמאַנטיק, האַלב רעאַלקייט און פֿון גאַנץ הומאָר.
איטלעכער פֿאַרמאָגט זײַן אייגן אויסגעטראַכטע יאַכטע
און ער שיקט זי קונציק אין מרחקים אויסגעדאַכטע,
לעבט דאָרט צאַפּלדיקער און גערוימער ווי אין לאָדזשער וואָר.

אין דער שטאָט פֿון וועב־שטולן אין יעדן אַלקער, קעלער
האָבן מײַנע ברידער אויך געהערט דעם לייט־מאָטיוו און טאָן
פֿון דער לאָדזשער קאַקאָפֿאָניע, הילכיק קאָמערציעלער.
אמת, ס׳האָט דער צווייטער נאָך דעם בכור, דער שטאָלצער יעקבֿ דן,
יאָ געהערט אַן אַנדער רוף, ווי פֿון טעקסטיל־באַשטעלער:
שרײַבן. נאָר אַ גרויסער כּעסן. אַ משפּחה־פֿעלער.
האָט ער תּיכּף נישט באַגליקט, איז באַלד אַראָפּ די שרײַבער־פּאַן.

יעקבֿ דן האָט זיך געאײַלט זײַן סמיכה צו באַקומען
און געבראַכט שלום־עליכמען אַ העפֿטל יונגע ווערק.

95 א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

(אונזער אַלטער מײַסטער איז קיין לאָדזש גראָד דאַן געקומען).
וואָס מײַן ברודער האָט געלייזט דאָרט — קענטיק נישט קיין שבחים־בערג.
יעקבֿ דן האָט לאָדזשעריש גענומען אונטערברומען:
„נישט קיין וועקסל, אוי־אוי, און נאָך ווינציקער מזומן...״
און ווי אויסגעשאָסן: „כ׳וועל נישט בעטלען אויף די שרײַבער־מערק!״

צום הו־האַ פֿון האַנדל־הוידע האָבן זיך געוואָנדן
מײַנע לאָדזש־געפּאַקטע ברידער דרײַ, די עלטערע פֿון מיר.
ווײַגדער, דן אין פּוילן, משה אין דעם כמורען לאָנדאָן.
איך, דער ייִנגסטער פֿון ר׳ עוזר זלמנס זײַלן פֿיר,
האָב אין אײַנגעשפּאַרטן קאָפּ, דעם גרײַזלדיקן, בלאָנדן
אויסגעחלומט גענצלעך אַנדערשדיקע פֿאָנדן,
ווי פֿון מסחר, קאָנטאָס, דעביט־קרעדיט, בוכהאַלטער־פּאַפּיר.

דווקא איך האָב זײַן געזאָלט אַ קנאַקער, וואָזשנע בריה
אין דעם מלכות פֿון השבונות, פֿון פֿינאַנץ און פֿון באַלאַנץ,
און באַצירן לאָדזשער־מעסיק דעם משפּחה־נאָמען גלאַנץ.
ס׳האָט מײַן טאַטע מיך מיט מיטלען ממש אַ מיסטעריע
אָפּגעשיקט אין האַנדל־שול, די סוחרישע אימפּעריע.
נאָר כ׳בין דאָרט געוועזן כמו אַ פֿרעמדע, אויסלענדישע פֿלאַנץ.

ווילט איר וויסן, אַגבֿ, וואָס עס האָט אַ רעכן־מײַסטער,
וואָס עס האָט אין לאָדזש אַ בוכהאַלטער בײַ קינד און קייט געמיינט?
כ׳וועל אַרויסדליבען פֿון מײַן זכרונס טיפֿן טײַסטער
אַזאַ רענדל אַ דערמאָנונג, מיט צען חנען רײַך באַחנט.
ס׳איז געשטאָרבן הערצל. אַלע עכטע ייִדן־גײַסטער
זענען פֿון דעם בראָך, פֿון דער אַבֿידה אָט דער נײַסטער,
ווי צעמישט, צעמורשט געוועזן. ווער האָט דעמאָלט נישט געוויינט?

שטעלט גראָד יענעם טאָג אַרײַן זײַן באָרד פֿון וואַלד און פֿײַער
דער פּאַרשוין, וואָס האָט פֿאַרקויפֿט אונז ווײַסע מילך און געלן שמאַנט.

א. לעיעלעס
אַמעריקע און איך

„זאָג מיר, אהרן, גייסט דאָך אין די קלאַסן, ווייסט — וואָס שייך? —
מער פֿון מיר. עס צאָלט דײַן טאַטע ס׳זאָל דיר אַלצדינג זײַן באַקאַנט.
ווער איז דאָס דער דאָקטער הערצל? עפּעס גאָר אַ נײַער
גרויסער בוכהאַלטער? וואָס שווײַגסטו? מיינסט איך בין אַ „פֿרײַער״?
כ׳האָב געשוויגן טאַקע. ס׳האָט מײַן צונג געליימט אי שפּאָס, אי שאַנד.

ב

כ׳האָב די שול פֿאַרענדיקט. גוטע צייכנס. ריכטיקע דיפּלאָמען,
און אַ רעדע פֿאַר דעם קלאַס, וואָס האָט צום ערשטן מאָל
אין אַ בלאַט-צײַטונג צערייצט די קלאַנגען פֿון מײַן נאָמען.
נאָר עס איז געווען אַ גלאָק אין מדבר, אַ פֿאַרלוירן קול.
נישט קיין צווייט פֿון תּכלית-בוים און נישט קיין מינדסטער זאָמען
האָט געיערט פֿון אָנהייב אָן אין מײַנע אָדער-שטראָמען.
שטאָק-פֿול דאָרט מיט אומתּכלית, ווי מיט אָטאָמען — גאָלד און שטאָל.

אין דעם יאָר פֿון וויכער, פֿון דער ערשטער פֿעלקער-פּראָבע
אײַנצוברעכן, שטורעמען דער צאָרן-טורמעס הויכע ווענט
און אָראָפּצורײַסן אירע שטריק, אַזיאַטיש-גראָבע,
האָט קיין לאָנדאָן מיך געפֿירט אַ באַן און שפּעטער אָן אָקרענט.
כ׳האָב געהאַט דאָרט פֿעטערס, מומעס, און אַ קלוגע באָבע.
יעדער האָט געטראַכט פֿון מיר צו מאַכן אָן אָסאָבע,
ס׳הייסט אַ לײַט לויט ענגלאַנדס מוסטער, לויט אייראָפּעס קער און
ווענד.

מײַנע עלטערן — זיי זענען גאָר געווען באַפֿליגלט
מיט דערוואַרטונג און מיט האָפֿן. נו, איז נישט קיין קאָמערסאַנט.
קאָן מען נישט אין לאָנדאָן ווערן עפּעס מער צעשפּיגלט?
וואָס מכּוח דאָקטער? ענגלאַנד האָט דאָך שׂררות יידן, ווי באַקאַנט.
אהרן האָט אַ קעפּל גאָר אַ גוטס... דאָס תּכלית-קריגל
איז מיר נאָכגעלאָפֿן סאַמע פֿון דעם קינדער-וויגל
ביז בריטאַניעס פֿרײַען ברעג. נאָך ס׳האָט געפֿירט אָן אַנדער האַנט.

לאָנדאָן לעבט אין מיר מיט פֿיל-קאָלירטער מזל-ברכה,
לעבט מיט פֿרײַע טאַנצנדיקע קינדער אויף דער גאַס און סקווער;
מיט די העפֿלעכע פּאָליסלײַט, וואָס מיט בלויז אַ פּאָכע
פֿון דער הענטשקע האַלטן זיי אַ מחנה קעגן שטרייט און שטער.
לאָנדאָן האָט געקנעטן ס'יונגע ליים פֿון מײַן מערכה
און פֿאַר מיר געעפֿנט אַ שאַרף-ליניקע עפּאָכע.
ס'האָט די שטאָט באַשאָנקען מיך מיט וועלט-אָטעם און עפּעס מער.

קאַפּיטל דרײַ

קיין אַמעריקע בין איך געקומען יונג, צעפֿלאָסן.
אָן אַ פּלאַן און אָן אַן אַנקער, אָן אַ פֿונקל פֿון אַ ציל.
נאָר דאָס לאַנד האָט מיט איר וואָר מיך נישט אַרומגעשלאָסן,
קיינמאָל נישט געבאָטן מיר: אַזוי-אָ טו, טו ווי איך וויל!
ס'האָט די לופֿט פֿאַרענטפֿערט אַלע שפּיציקע פֿאַרוואָסן
און אַליין געלינדערט מיר דעם אומטעם פֿון פֿאַרדראָסן.
תּכלית, אומתּכלית — דײַן זאַך, מעגסט שרײַען אָדער שעפּטשען שטיל.

איך האָב אויסגעקליבן. אייגנטלעך געווען איז אַנדערש:
ס'האָט די זאַך געקליבן מיך, און מיט אַ רחבֿותדיקן שוואונג
האָט אַמעריקע, די האַפֿן-היים פֿון וואָגל-וואַנדער,
פֿרײַ געלאָזט זי קיניגן אויף מיר — אויף גאָר מײַן לונג און צונג.
וואָסער זאַך? באַהערשן האָט געוואָלט אַן אַלעקסאַנדער;
גרינען מיט שאַרמאַנטער גרינקייט וויל אַן אָלעאַנדער.
מיך געקערעוועט האָט אַ מחשבֿה, אייביק אַלט און יונג.

כ'בין אַהער געקומען מיט אַ העפֿטל ייִדיש-לידער
און אין לײַבלעכן באַהעפֿט מיט ענגלאַנדס מעכטיק וואונדער-וואָרט.

98

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

פּושקין, צי מיצקעוויטש — ווער האָט אין זײַן פֿלאַכסטער נידער
נישט דערשפּירט די הויכע פּראַכט פֿון זייער מלכות־אָרט?
נאָר די דיכטערס ענגלישע — איך האָב אַלץ ווידער־ווידער
זיי געלייענט פּרימער, ווי אַ פֿרומער ייִד זײַן סידור.
ס׳איז געווען מיר טיפֿע טויכונג, הויכער פֿלי און לאַנדונג, פּאָרט.

כ׳האָב שוין טועם אויך געווען די קראַפֿט־געפּראָפּטע שורה
פֿון וואָלט וויטמאַנען. נאָר דאָ, גלײַך ווי פֿאַראַנדערשט און באַנײַט,
האָב איך ערשט געטרונקען פֿול זײַן ריטעם און זײַן גבֿורה,
זײַן צעפֿלי אַריבער גרענעצן און טיילונגען פֿון צײַט.
כ׳פֿלעג אים שיכּור טרינקען און פֿון פּלאַסטן טיפֿע, אורע
איז אַרויס אַ שטורעם, אַ געפֿיל־געדאַנקען בורע,
און געיאָגט אַוועק, דערנאָך צוריק — צו זיך, צו זאַכן, לײַט.

אויכעט עדגאַר אַלאַן פּאָו. פֿון אונטער זײַנע פֿינגער
האָט אַן אומהאַרמאָניש לשון אויסגעקלונגען סוד־מוזיק.
ס׳איז דאָס וואָרט געוואָרן העכסטער, ראַפֿינירטסטער זינגער.
גלײַך אַ דוד וואָלט מיט אינספּירירטן, ווײַט־געווענדטן בליק
אָנגערירט די סטרונעס און געגעבן נײַע צינגער
צו דער מענטשן־שטים און אויך די וועלט געמאַכט אונז ייִנגער.
צו דעם שפּראַך־כּישוף האָט פּאָו געעפֿנט אַ געהיימע בריק.

פּאָו און וויטמאַן. ביידע גלײַך — אַמעריקעס אידייע.
דעמאָקראַטיע איז דער מאָרגן־שטערן און ער ווײַזט דעם וועג
פֿאַר די אומות, שבֿטים און פֿאַר די צען מאָל מאה
צופֿענישן, שטויסענישן, ראַנגלונגען אויף טײַך און שטעג.
און — דער יחיד איז אַ קיניג, אָנהייב פֿון דער עפּאָפּייע,
וואָס די פֿעלקער האָבן אויסגעפּײַנט מיט לאַנגער דעה
צו פֿאַרשיקן ווײַט דעם קאָרשון פֿון באַהערשונג און פֿון שרעק.

וויטמאַן וויכערט: פֿעלקער, ווייסט אײַער שליחות, זוכט דערפֿילונג.
ס׳ווייספּערט פּאָו: דו מענטש, דערקען דײַן נעפּל, צינד דײַן אייגן ליכט.

וויטמאַן וויל די וואָך זאָל ווערן יום־טובֿ און פֿאַרשפּילונג.
פֿאַר דערבליקט דעם יחיד ווי דעם הויך־ריכטער אין כּללם געריכט.
אַלץ קלינגט קענטלעך מיר. עס קומט פֿון סאַמע פֿריסטן פֿרילינג
פֿון דעם תּולדות מענטש. עס איז דאָס קול פֿון עכטסטן צווילינג;
פֿלי פֿון מענטש־געדאַנק און טויך־אַראָפּ אין שוואַרצן ז י ך, געדיכט.

כ'האָב פֿאַרנומען אייגנס. ייִדיש שטרעבן און אמונה,
ייִדיש לוישן אין דער פֿינסטער, ייִדיש לשון — קול פֿון וואָר.
ס'פֿירט אַ וועג געהיים, השגחהדיק, אַ גראַדע סטרונע
פֿון דעם ייִדישן באַגער און חלום צו דעם העלן יאָר,
ווען אַמעריקע האָט אָנגעטאָן די בגדי־כּהונה
פֿון דער פֿרײַהייט און געשטעלט זי העכער פֿון חיונה
און פֿון לעבן גופֿא. צוויי חלומות געטלעכע, פֿאַרוואָר!

קאַפּיטל פֿיר

אין אַ גאָרטן פֿון ניו־דזשוירזי. טיפֿער האַרבסט. פֿאַרנאַכטלעך.
לעצטע פֿלאַטערלעך און שוועבערלעך נאָך פֿליען מידע אום.
ס'גרינס נעמט טונקלען. שאָטנס שאַרן זיך פֿאַוואָליע, זאַכטלעך.
ערגעץ אויבן קלינגט אַ פֿאַרצעלייענער, געהיימער זשום.
ווי אַ שוואַרצע טשערעפּאַכע שלײַכט און קריכט באַדאַכטלעך
ס'חושכניש און פֿילט מיט נאַכט אָן אַלע גראָע שאַכטלעך
פֿון דעם חלל. נאַכט פֿון אונטן שטײַגט, נעמט אַלץ מיט פֿאַרכט אַרום.

פּלוצים — אין דעם גאָרטן קוקט אַ פּנים גאָלדיק, רונדיק,
קוקט אַרײַן מיט גראַדן קוק און היט מײַן יעדן קער און טראָט.
גיי איך גיך, גייט ס'פּנים באַלד מיר נאָך געשווינד, סעקונדיק;
גיי איך לאַנגזאַם, שטעלט אויך ס'פּנים אָפּ דעם גאַנג, כּמו אין שפּאָט.

100

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

כ׳קוק צוריק אין פּנים, אי באַוועלטיקט, אי פֿאַרוואונדערט,
ווערט זײַן גאָלדן־בליק אָט זייער נאָענט, אָט אָפּגעזונדערט.
איך מאַך אָפּ: איך גיי צו אים. מיט האַנט דערלאַנגען דאָך, אָט־אָט.

שפּאַן איך. אָבער דעמאָלט הייבט זיך אויף דאָס גאָלדן־פּנים
און ס׳נעמט קלעטערן אַרויף־אַרויף צו מוראדיקער הייך.
ס׳ווערט אויך בייזלעך, גלײַך איך וואָלט עוולה דאָ געטאָן אים,
און עס בײַט די מראה, ס׳ווערט פֿון בלענדיק־גאָלדן זילבער־בלייך.
איך דערשרעק זיך. כ׳וויל נישט זײַן מיט אים קיין שונאים.
איך באַגער זײַן גוטסקייט, כ׳וויל זײַן מ י ט אים, מער נישט אָ ן אים.
דעמאָלט הער איך קלאָרע רייד־געבאָטן, שטרענג און אויכעט ווייך.

„ווילסטו לעבן און געדייען דאָ אָן שרעק און ציטער,
הער מיך שטענדיק און די הערונג — טו זי אָן אין פֿעסטער טאַט.
בלויז אַזוי וועט מײַדן דיך די פּלאָג און דאָס געוויטער,
און וועסט זײַן געהויבענער, ווי וויאַלע גראָז און טויטער בלאַט.״
שטיל, און איבער אַלץ שפּרייט אוים דער הימלדיקער היטער
זײַן באַפֿעל און בליק. אַ ווײַטער מאַכטיקער געביטער.
זעט אַלצדינג און נעמט אַרום אַלץ, דרעמלט נישט און ווערט נישט מאַט.

נו, אודאי, איך לעב הײַנט, כ׳בין נישט דער אָדם ראשון.
אים, זײַן אויג, האָט די לבֿנה אָנגעכּישופֿט אי מיט טוי
פֿון באַגערן זיסע, אי מיט זאַלץ פֿון פֿאָרכט־געמישן —
ווי אַ גאָט אָן נאָמען, אָן דעם דמות פֿון מאַן צי פֿרוי.
אָ, די נעכט אין גערטנער, מיט דעם רושם שטענדיק פֿרישן
פֿון אַ פּנים, וואָס זעט אַלץ און קאָן אויך אַלץ דערווישן,
קוקן מיט דעם קוק פֿון אַלמאַכט, וועלט־סדר און וועלט־געבוי.

ייִדן האָבן נעכט געהאַט אַסך אין פֿיל מדבריות.
אין די גערטנער נאָך די שלעק און וואַנדער, האָט די הימל־פּראַכט
אָפֿט גערעדט צו זיי נישט בלויז מיט רייד פֿון שטראָף און צרות,

נאָר מיט זין און וויסן, וואָס האָט מעכטיק אויפֿגעוואַכט
דאָס געוויסן אייגנס און באַגלײַך אויף דער היסטאָריעס.
וועלט בײַנאַכט איז פֿול מיט שדים, רוחות ווילדע פֿאָריעס,
נאָר ס׳לאָזט שפּירן אויף די הויכע קראַפֿט, וואָס חשבון האַלט און וואַכט.

קאַפּיטל פֿינף

ס׳לאַנד אַמעריקע האָט אויפֿגעבליט מיט קלאָרסטן רעיון;
לעבן, טויט, דאָס גליק און אומגליק — ס׳איז געווענדט אַלץ אין פֿאַרשטאַנד.
ס׳האָט אייראָפּע ערשט אַ קראַץ געטאָן די טיראַנייען,
נאָר אַמעריקע האָט באַלד פֿאַרטריבן זיי פֿון גאַנצן לאַנד.
יענער רעיון, ווי אַ בוים, וואָס טוט זיך רק באַנײַען,
איז געוואָקסן איבער בערג און כמורע ווילדע ווייסטעניען
און געטאָקט דעם פֿרײַען מענטש מיט ווויסיקייט אין שטאָלצער האַנט.

ס׳איז שוין אַ רגילות, אַ געוואוינשאַפֿט, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך,
יעדעם יאָר אַ צי צו טאָן אַ קנעפּל הינטער אַ גאַרדין.
ס׳קאָן אַ ציניקער זיך דאַכטן: אָט אַ שפּיל אין פֿענדלעך
דאָס מאַרשירן אין נאָוועמבער צו באַשטימטער שטים-מאַשין.
דאָך: קיין קמצן ווערט נישט מער באַוועלטיקט פֿון דעם בלענד-ליכט
וואָס עס צינדן אין זײַן חלום קופּעס גאָלדן-רענדלעך,
ווי אין מיר דער בירגער, ווען כ׳גיי שטימען מיט באַקלערטן זין.

חלום ייִדישער: גערעכטיקייט צו אומות, שבֿטים,
צו דעם גדול און דעם קטן, צו דעם תּושבֿ און דעם גר.
יושר נישט קיין טובֿה נײַערט זין פֿון הימלס אָטעם.

102

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

חלום פֿון אַמעריקע: דאָס גלײַכע גליק־זוכן אָן שטער
דאָ פֿאַר אַלע אויף דער ערד, אויך יענעם וואָס מען האָט אים
מיט דעם שיקלדיקן חשד פֿאַרטונקלט און באַשאָטנט.
ביידע נאָך חלומות. נאָר — די קרוין אין לאַנד פֿון דעם באַגער.

קאַפּיטל זעקס

כ׳שרײַב די שורות בײַ דעם גרויסן גאָלף דעם מעקסיקאַנער,
אונטער רוגזהדיקע ווינטן פֿון פֿלאָרידעס מערבֿ־ברעג.
מעכטיק רײַסן זיך די אינדן — כ׳טראַכט פֿון אינדיאַנער —
אויף די פֿערד מיט ווײַסע גריוועס, רײַסן זיך צו אַ געשלעג
גלײַך אין מײַנע פֿענסטער. באַלד וועט איינער מיט זײַן באַנער,
מיט זײַן פֿאָן פֿון שאַרפֿע שפּריצן — כ׳שרײַ כמעט הושענאָ! —
מיך פֿאַרשווענקען, אוים וועט זײַן צו מײַנע נעכט און טעג.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען עס אין אַ טאָג פֿון שטורעם,
פֿון אַ בייז געוויטער, ווען דער גאָלף האָט מיט אַ וואָרטש און ברום
אויפֿגעכאַפּט דעם הימלס דונער־בליציקע דיבורים
און געשוימט מיט שרעק און צאָרן און געוואָרנט אומעטום.
נאָר געבויט איז דער האָטעל אויף שטיין, מיט פֿעסטן פֿורעם,
איז מען אָפּגעקומען בלויז מיט זאָרג, מיט פֿאָרכט־יסורים.
ס׳איז געוואָרן ווידער שלווה, שטיל און וואַרעם רונד אַרום.

ס׳איז דער רוגזהדיקער ווינט צוריק אַהין, פֿון וואַנען
ער האָט אויסגעבלאָזן, און די זון האָט פֿון איר גאָלדן־זיפּ
פֿליטערלעך געשאָטן אויף דעם גאָלפֿס געשטילטע לאַנען.
לעבעדיק איז אויך געוואָרן אויף דעם ימס צעהעלטער ליפּ.
ס׳האָבן זיך אַ הייב געטאָן די קלוגע פּעליקאַנען,

און די מעוועס, וואָס קיין זעט בײַ זיי איז נישט פֿאַראַנען,
און די לופֿט געלעכערט מיט אַ גרילצנדיקן קוויטש און כריפּ.

גראָד איז אויסגעפֿאַלן פּורים. יעדער פֿילט ווי אסתּר
נאָך דער תּליה המנס. ליבער שימער. לײַכט און גוט געמיט...
ס׳העלקייט רוימט אַרויס די געסט פֿון אַלע צימער־נעסטער.
זיי באַטראַכטן דעם האָטעל. ס׳איז זיכער זײַן יסוד — גראַניט.
נו געוויס. איין פֿײַף פֿון דער סכּנהס קלענסטער שוועסטער
קאָן דיר אויפֿשאַלן מיט פֿרייד אַ גאַנצענעם אָרקעסטער,
ווען זי טרעט צוריק מיט אירע בייזע, הונגעריקע טריט.

קאַפּיטל זיבן

אין ניו־יאָרק, בײַם אָנקום, האָב איך אַלץ געקאָנט נאָך ווערן:
דאָקטער, כעמיקער, דענטיסט, צי אינזשעניער און אַדוואָקאַט.
נאָר דער אַנטי־תּכליתניק אין מיר האָט גאָרנישט הערן
פֿון אַזוינס געוואָלט. יאָ: נישט אין תּמוז־היץ, צי קעלט פֿון שבֿט
האָבן מיך געצויגן די צעגלאַנצטע פֿעטע שטערן
אויף דעם הימל פֿון פּרנסה. כ׳בין אַן איבעריקן קלערן
גיך געוואָרן אַ מחבר פֿאַר דעם קבצן, פֿאַר נאַש־בראַט.

כ׳האָב געוואוסט, אַז וואָס איך טו איז לויטער זאַבאַבאָנעס
בײַ די קלוגע לײַט פֿון יעדן שטאַנד, סײַ אָרעמאַן סײַ גבֿיר.
יענע האָבן אײַנגעטענהט: האַלטסט זיך אין איקאָנעס.
ייִדיש שרײַבן איז כּמו אַן אַלקער אין אַ מאָנאַסטיר —
נישט קיין כּבֿוד, נישט קיין געלט און דרײַפֿאַכע קבצנות.
שרײַב פֿאַר אַלע אין דעם לאַנד און יאָג אַוועק ס׳בטלנות.
קענסט די לאַנד־שפּראַך און זי איז דאָך האָניג צו דעם גומען דיר.

אָ, בטלנות. ס'איז דאָס וואָרט געוואָרן מיר אַ שפּיגל
און אַן ערך־טיטל און אַ שבֿועה און אַ הויך געשאַנק.
וועל ווייס וואָס מײַן מאַמע האָט געזונגען בײַ מײַן וויגל,
ס'אַ רעיון ס'האָט מײַן טאַטע מעשׂה טיפֿסטן זיגל
אָפּגעשטעמפּלט אויף מײַן מוח. כ'הער נישט ס'פּראַקטישע געקלאַנג.
ייִדן פֿון מײַן עלטער נעמען לייגן גאָלדן־ציגל,
שטעלן אויף בנינים פֿאַר דעם הײַנט און מאָרגן, ס'גייט אַ גאַנג.

ס'אַרט מיך גאָרנישט. כ'זע דעם בלישטש פֿון בלויז איין פּינטל —
ייִדיש. דאָס מײַן שליחות, לײַדנשאַפֿט און גאָרער לעבנס־זין.
כ'קאָן אַ פֿאַס מיט לאָגיק אויסגיסן ביז לעצטן קווינטל
צו באַוואַסערן די קוויט פֿון ליבשאַפֿט צו דעם וואָרט־געשפּין
פֿון אַן אומה אין געוואָגל. יעדער ווינט און ווינטל
איז גענוג צו מאַכן פֿון איר וואַלד אַ שפּענער־בינטל.
מוחל. דאָס געשפּין קלינגט אוים דעם צוויבערלעכסטן קלאַנג: איך בין.

קאַפּיטל אַכט

„יעדער לאָדזשער איז בטבֿע היפּש אַ פּרא־אָדם",
האָט דער קלוגער יוד יוד זינגער אין קאַפֿע געזאָגט צו מיר.
„ס'האָצקעט עפּעס זייער בוידעם־שטיבל אָדער באָדעם.
אַלע לאָדזשער — האָט ער גינציק ליב געשמייכלט — נאָר נישט איר".
כ'האָב דעם קאָמפּלימענט געהערט, פֿאַרנומען אָן שום חשדים.
דאָך מיר דאַכט: איך זע דעם אָנהייב פֿון דעם מיינונג־פֿאָדעם
אין די רויגן פֿון אַ טעות וועגן מיר און מײַן קאָליר.

אָפּטמאָל האָב איך אויפֿגעכאַפּט די צויטן פֿון אַ מיינונג
און געחידושט האָט מיך גרײַלעך יעדע אויפֿגעכאַפּטע צויט.
„ער איז פּראַקטיש. טויגלעך". נו, מיר ווייסן ווייניק.

בלויז אַ גליטשן זיך פֿון צופֿעליקן בליק אויף פֿלאַך פֿון הויט.
ס'פֿליט אַ באַן. ווענט. פֿענסטער. הינטער זיי אַ מענטשן־וואוינונג.
וואָס און וויפֿיל וויסן מיר וואָס טוט זיך אינעווייניק?
מענטש איז הויז מיט הונדערט גאָרנס. יעדער גאָרן טויב פֿאַרבויט.

זאַכן שפּילן פּידרעך ווען זיי טוען אונז זיך ווײַזן.
דו און איך נאָר טעמנע תּיבות פֿאַר דעם דרויסנדיקן בליק.
אַלע אַסטראָנאַוטען מיט דעם גאַנצן פֿליען, רײַזן
האָבן קוים באַרירט אַ שטיקל פֿון אַ שטיק
פֿון דעם אַלעם, וואָס דאַרף מאַכן אונדזער וויסן שטאָל און אײַזן.
אונדזער בלעזל וויסן איז בלויז אַ באַלאָן מיט גרײַזן
און דער „איך" דאָרט איז אַ פּינטל אָן אַ קאָמפּאַס, אָן צוריק.

איך בין אַלעמאָל געווען געגליכן צו אַ פֿאָרער
אין מרחקים אָן דער פּירנדיקער מאַפּע פֿון אַ צוועק.
טויגלעך, פּראַקטיש — דאָס איז טײַטש אַ חשבון גראָד אַ קלאָרער
און אַ פֿעסטע ליניע צום באַנאָמענטן, באַשטימטן ברעג.
זינט דער קינדהייט פֿינצטערט אַרום מיר אַ קעלער גאָרער:
שאָטנס, טועכצער געהיימע, צופּ־גערוך פֿון מרור
און עס לויערט רק אויף מיר די קאַלטע יאַשטשערקע, די שרעק.

קאַפּיטל נײַן

ס'לאַנד פֿון קנעכט עלעקטרישע און מאַשינאָווע האַרן —
גראָד אַמעריקע, די קעסל־גרוב פֿון אימפּעט, קאָך און שוואונג,
האָט געשמידט אַ שטאַנג פֿאַר מײַן געמיט זיך אָנצושפּאַרן.
ס'לאַנד וואָס רײַסט כּסדר ברוקן, ווײַל עס וויל זײַן שטענדיק יונג,
האָט מיט ברכה אויסגעגלײַכט דעם רוקן פֿון מײַן גאַרן
און מײַן דמיונען פֿאַרשריבן — ס'זאָל מײַן קאָפּ נישט דאַרן —
אין געזעצבוך, ווי מײַן רעכט, און פּשוט ווי מײַן לופֿטן־שלונג.

106

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

און די פּריירים און די טײַכן און די ערדן — פֿעטע
און די בערג די הויכע מיט די אײביקע, פֿאַרשנייטע קעפּ,
און די האָפֿנס שוימיקע, די שטעט אומזיסט באַרעדטע,
אַלע וואונדער־כּרכן מיט דעם קלעטער אויף די הימל־טרעפּ,
גאָר דאָס רחבֿות פֿון דעם לאַנד — געוואָרן איז די מעטע;
איז געוואָרן רוף אַקעגן שטעטל, קעגן געטאָ
און געשמידט מײַן ריטעם מיט געביטערישע האַמער־קלעפּ.

ווען כ'זאָג איך און מײַנע, טראַכט איך נישט פֿון זיך בלויז, נײַערט
פֿון די ברידער־דיכטערס, פֿון די פֿאַנטאַזיאָרן אָט דאָ הי.
נישט קיין ניקלס האָבן זיי געזאָלצן, דײַמס געזײַערט,
ס'זאָלן פֿעסלעך מיט דאָלאַרן אויפֿגיין מיט באַדאַכטער מי.
כ'מיין אונז אַלע, שרײַבערס, שאַפֿערס פֿעסטע און געטרײַע,
וואָס מיט אונזער אייגן בלוט און ווערטער־פֿײַער
האָבן מיר צעלויכטן ייִדיש־קלאַנג מיט קאָסמיש־דרייסטן גלי.

ווען איך טו אַ קלער נאָר פֿון מײַן דור און אַלע יענע,
וואָס נאָך פֿריער האָבן ס'זעלבע פֿעלד געאַקערט און געזייט —
אָפֿט געיאָגטע פֿון אַ וואָלף, געהעצט פֿון אַ היענע;
ווען איך קלער פֿון זריעה־וואַרפֿערס פֿול מיט טרערן, הויל פֿון פֿרייד,
ווער איך אַ מין דינע איבערצײַטלעכע אַנטענע:
איך וויבריר מיט דראַמע, פֿיבער סצענע נאָך אַ סצענע,
און כאַפּ אויף די אומרעכטן אָן מאָס, אָן אײַנזען, אָן באַשייד.

ס'זעט די וועלט די ייִדן־פּעדלערס, דזשאָנק און שמאַטע־הענדלערס,
ס'זאָגן שונאים פֿלינק און כיטרע: „נאט עי דזשו באָט העז עי סטאָר".
יעדער גראָשן ייִדן־ריווח ווערט אַ קופֿערט רענדלעך,
יעדער ייִד אַ שיילאָק בייז געשפּילט פֿון פֿײַנטלעכן אַקטיאָר.
אָפֿטמאָל שעלט דאָס קול פֿון געל פֿאַרקרימטער צבֿיעות שענדלעך
ייִדן אַנדערע, ווײַל דאָ און דאָרטן האָט מען ענדלעך
אײַנגעצוימט דאָס מויל פֿון זייער גלוסטן, גרוים ווי שור־הבר.

ווינציק קען די וועלט דעם ייִד פֿון ליכטיקייט און טרויער:
יעדן מענטשנס ווייטיק טראָגט ער אין זײַן האַרצן — ייִד צו גוי.

107

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

יעדן מענטש באַגערט ער פֿירן פֿון דעם חושך-טויער
צו די קלאָרע לאַנען, וואו די פֿרייד לאַכט-צו דעם מאַן און פֿרוי.
ווי אַ שליח פֿון דער אַלמאַכט — אַ באַנײַער, בויער
זאָגט ער צום בן-אָדם: זעסט אַלץ קרום איצט און קאַפּויער,
האָרך, געדענק דאָס קול און צוזאָג: „לייב ווי רינד וועט עסן שטרוי".*)

ס'קען די וועלט נישט, ווײַל זי וויל נישט וויסן, זען און קענען
די געטרײַע טרוימערס פֿון דער אָרעמאַנסקער יידן-וואָר.
אָבער דווקא די בטלנים און קבצנים זענען
די סקולפּטאָרן פֿון דער אומה איטלעך גוט און אומגוט יאָר.
אונטער רוישיק-רעשיקע און ראַשע פֿענאָמענען,
אונטער דרויסנדיקע פֿלאַכן טוען זיי גענענען
צו דעם רוי-האָלץ פֿון דעם פֿאָלק און טאָקן זײַן געשטאַלט-אוזאָר.

נייגט נאָר צו צום יידיש ליד אַן אָפֿן, ערלעך אויער —
איר וועט הערן ס'וואָרע וועלט-האַרץ קלאַפּן אין רחמנות-שעה.
זעלטן, מעשׂה אָנוס בלויז, מיט אינערלעכן טרויער
האָט דאָס יידיש-וואָרט געחנפֿהט דער נקמהס רויטן דנאָ
און געקושט די צילנדיקע שווערד אויף בייזער לויער.
קומט מיט מיר צום מינדסטן יידיש-דיכטערס שמאָלסטן טויער,
איר וועט אויסגעפֿינען, אַז אַן עמוס-מיכה-לעכץ וואוינט דאָ!

ס'איז מײַן פֿאָלק נישט די פֿאַרשמאַיעט-טומלדיקע תּנועה,
נאָר געהויבענע מחשבֿה און איר מוטיק פֿײַער-וואָרט,
וואָס בריט פֿוילע ערטער מיט איר וואָרנונג און נבֿואה.

*) ישעיה יא, ז. — פֿאַר מיר איז דאָס אײנער פֿון די טיפֿסטע פּסוקים אין דעם גאַנצן תּנ"ך. אפֿשר דער סאַמע טיפֿסטער. ווילט איר, איז דאָס מרידה קעגן די דרכים פֿון דעם קאָסמאָס. אויב איר ווילט נישט זײַן אַזוי האַרב, איז דאָס דער איבערמענטשלעכער אַרײַנבליק אין דעם וואָרצל פֿון אַלע שלעכטסן אין אונדזער וועלט. פֿאַר מיר איז עס שוין לאַנג אַן אַקסיאָמע, אַז כּל-זמן לעבן וועט אָדער מוזן עסן לעבן — יעדער מין לעבן — קאָן נישט זײַן קיין גאולה נישט פֿאַר פֿאָלק און נישט פֿאַר מענטש. דאָס איז נישט קיין זאָג פֿון אַ וועגעטאַריער. איך בין עס נישט. דאָס איז אַ פֿײַנלעך דערשפּירן די גרונט-זינד פֿון אַלץ, וואָס רופֿט זיך לעבן אויף דער ערד. איך האָב דעם מאָטיוו שוין באַרירט אין דער פּאָעמע וואודפֿערן פֿאַרם.

און אַמעריקע... איר זעל אין דערפֿל, כּרך און אימפּעט־פּאָרט
איז דער רוף פֿון עמאַ לאַזאַרוס אויף דער סטאַטוע,
פֿון אייב לינקאָלן, דזשעפֿערסאָן, פֿון עמערסאָן, דזשאַן דיואי
און פֿון אַלע יודזשין דעבסעס נעכטן, הײַנט און דאָ און דאָרט.

קאַפּיטל צען

טירן, טראַקטן אָפֿענע פֿון דער מדינהם רחבֿות
האָבן אָפֿט צעטומלט און פּריטשמעליעט אונזער אימיגראַנט.
ווי אויף קוליעם שיכּור־בלינדע אונטער זײַנע פּאַכוועס
האָט ער רק געשטאָלפּערט צו די געלטער־פֿלאָדנס פֿון דעם לאַנד.
ס'האָט אים אויסגעזען די סאַמע ערשטע, וואַזשנע זאַך, וואָס
ער האָט זיך דערפֿון געשניטן זאַפֿטיק־פֿעטע לאַכמעס.
אָבער שוואונג אין דעם איז פֿאָרט געווען, צעפֿיר פֿון מאַרך און האַנט.

פּתום, רעמסס האָבן אין דעם חשק הײם געשיכּורט,
האָט מען וועלטן אײַנגעריסן און געבויט מיט קנאַק און רעש.
איז מען גרײַלעך פֿעט געוואָרן און מען האָט געבריקעט.
נאָר בײַם שרײַב־מאַן האָט דער היגער פּולם געזועקט צו נײַ־קוראַזש
און זײַן ריטעם דיריגירט אין אומגעוואוינטן ריקוד.
אוים קאַסרילעווקע, געגנוג קליינשטעטלדיק געהיקעט —
אויף די וואוילע, אַלטע גאָרנס אַ גרויסשטאָטישער עטאַזש.

נײַקייט ,גרויס־השגה. פֿון די ימען, פֿון די ווינטן,
פֿון די פּלאַטאָס מיט דעם שלל פֿאַרשידעניש פֿון בוים און גראָז,
פֿון די וואונדער־וועגן, וויקלדיקע לאַבירינטן,
פֿון די שלאַנקע טורעמס — שטיין און אַלומיניום, שטאָל און גלאָז;
פֿון די קעניאָנס, וואו דאָס ליכט שפּילט מיט קאָלירטע טינטן
קראַפֿט־סימפֿאָניעס; פֿון דעם גאַנצן ווימיקלעך באַזינטן
שמשון־אָטעם בלאָזט מיט פֿרישקייט, גיסט מיט יונגען לעבנס־גאָס.

און אַזוי האָט גאָלד געמערט זיך — גראָשן נאָך אַ גראָשן.
ביין, אַזוי איז אויסגעוואָקסן אין אַ היפּש־פֿאַרצווײַגטן טײַך

דאָס קליינשטעטלדיקע וואַסער פֿון אַ טערפֿקן לשון
אין אַ מיסיסיפּי, אין אַ טײַכן־פּאַטער, וואָס ראָלט רײַך
זײַנע שטראָמען און מיט דאָרשטן, שטענדיק אומגעלאָשן,
טרינקט ער טײַכן קלענערע און האַלט צונויפֿגעפֿלאָסן
זייער איינצל־כּוח מיט דעם גאַנצן אוצר גײַסט באַגלײַך.

ס׳ראָד פֿון ענדערונגען דרייט זיך און עס בײַט דעם פֿורעם,
און דער אַנדערשדיקער פֿורעם בײַט דעם עלטערן באַטײַט.
ווי אַ טרויב אין וואוקס לאָזט הערן אונז אַ שלל סיפּורים
פֿון איר זון־און־טויאיקן און פֿיל־קאָלירנדיקן בײַט,
איז דאָ אונזער וואָרט געוואָקסן שטיל און אויך אין שטורעם;
אין די טעג פֿון גוטס, ווי אויך דורך נאַכטיקע יסורים.
ס׳איז עלעקטריש דאָ די לופֿט, זי טרײַבט צו הייך און טיף און ווײַט.

קאַפּיטל עלף

ס׳איז אין בראָנקס אַ פּאַרק פֿאַראַנען און ער הייסט קראָטאָנע.
ס׳האָט אַ לענטע יידיש־שרײַבערס אים אַרומגערינגלט פֿעסט.
אָפּאַטאָשו, לייוויק, לעיעלעס — אין האַלב־לבֿנה;
לאַנדוי, אײַזלאַנד, מאַני לייב, שעלובסקי האָבן זייער נעסט
אין דער צווייטער העלפֿט געשטעלט. ווי אַ צוגאָב, אַ מתּנה,
האָבן צוגעשטעלט די זײַטן־גאַסן פֿון דער זאָנע:
מינקאָוו, אויערבאַך, מנחם. אויך אַ שטענדיק בינטל געסט.

ווער איז נישט געווען אַ גאַסט אויף אונזער פּאַרק־אַלייע?
גלאַטשטיין, פֿײַנבערג, ציליע דראַפּקין, אַלקוויט, לודוויג, י. י. שוואַרץ.
לאַפּין, אַלמי, לעבנסבוים — אין האַנט אַן אָרכידייע,
פֿאַקס, חאַימאָוויטש (אויסגעבלאַנקט און שטײַף ווי אָט פּאָלירטער קוואַרץ).
אין אַ יום־טובֿ האָט אַ האַלבע האָפֿערדיקע מאה
פֿון דער גײַסט־אימפּעריע, איטלעכער מיט שטאָלצער דעה,
דאָ שפּאַצירט, געשמועסט, אָפֿט געמיטלעך און אַמאָל מיט האַרץ.

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

די אַלייע האָט געהאַט נאָך אַנדערע באַשײַנערס,
קרובֿים פֿון די סאַמע ייִנגסטע פֿייגל אין דעם ייִדיש־וואָרט.
ס'האָט אין דער מוזיק געזוכט באַנײַונג לאַזאַר ווײַנער
און געשפּאַנט מיט זוכערס פֿון אַ נישט־צעמוטשעטן אַקאָרד.
זאָל עס אָנזאַלצן דער יוסטקייט, דער סאָלידער, פֿײַנער,
זאָל זי שרײַען כּעמיק: צווימען־ברעכערס און ציגײַנער!
וועמען אַרט עס? מ'איז געשוואומען צום געוויילט־געוואָלטן פּאָרט.

אַלע יונג נאָך. יעדער קאָפּ אַ גאַנצע סטאַיע מעווים:
לאָזן אָט אַראָפּ זיך אין חבֿרותא אויפֿן ברעג פֿון ים,
אָט צעפֿליען זיך מיט שפּיציקן און ראַשן רעווע
אין התבודדות אויף אַלע זײַטן מעשׂה פֿונקען פֿון אַ פֿלאַם.
אַלע זשעדנע. אַלע ווילן קערן וועלטן. ס'איז בדרך טבֿע.
נאָר געדענקט דעם תּוכן, בלאָזט אַוועק די קליפּה־פּלעווע
און ס'וואַקסט אוים אַ זײַל פֿון גבֿורה, ס'שטײַגט אַרוים אַ בויער־שטאַם.

נישט געווען אין יענעם בראָנקסער פּאַרק אַזוי פֿיל בלעטער,
וויפֿיל ס'האָבן מאָדנע ייִדיש־רייד געהערט די ביימער דאָרט.
ס'זענען קעפּ געפֿאַלן פֿון געערטע אַלטע געטער,
נײַע האָבן האָפֿערדיק באַקומען קרוינען אויפֿן אָרט.
ווער דאַרף האָבן וועמענס סמיכה? ווער דאַרף יענעמס היתּר?
ס'שפּאַנט די העזה מיט דער יונגשאַפֿט פֿון דעם ווינט און וועטער
און די ביימער בוקן זיך צו יעדן פֿריש־געזאַלבטן לאָרד.

יונגע, אינזיכיסטן. ס'קאָכן, פֿלאַקערן וויכּוחים.
נײַע פּרעטענדענטן קומען אונטער יעדן נײַעם טאָג.
פֿול די פּאַרק־אַלייע מיט אַנטפּלעק. געפֿין אים, זוך אים!
וועמען? דעם זשעני! דו האָסט געלייענט? ס'אַרא וואָג און זאָג!
קנאה טוט דאָס איריקע. „עס וואַקסט צו הויך ירוחם".
„גראַפֿאָמאַניע!" האַקט די קנאה איבער די סיכסוכים
און פֿאַרפֿליט אין האַצעפּלאָצע פֿון דעם גיפֿטיקן צעיאָג.

111

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

נאָר אַזוינס געהער דאָך צו די שפּריצן, צו די שוימען
פֿון די רוישנדיקע וואַסערן, אויב נאָר דער ים איז דאָ.
און דער ים פֿון ייִדיש־שאַפֿן האָט געשפּריצט אָן צוימען
זײַנע טיפֿן, זײַנע פֿולקייטן מעתלעתיק, יעדע שעה.
צוואַנציק יאָר מער מילך אין טאָפּ, מער פֿײַער פֿאַר דעם קוימען,
צוואַנציק יאָר מער פֿרײַע לופֿטן און געראַומע רוימען
האָבן אויפֿגעפֿינקלט מיט מאַיאָנטקעס פֿון דעם טיפֿסטן דנאָ.

קאַפּיטל צוועלף

א

זאָלט איר פֿרעגן מיך: רוף אָן די סאַמע קרוין פֿון אויפֿטו,
וואָס דער ייִדן־שבֿט דאָ האָט פֿאַר די דורות אָנגעגרייט?
וועט מײַן ערנסטע מחשבֿה אָסור נישט אַ לויף טאָן
ערגעץ אין מרחקים צו געפֿינען ענטפֿער און באַשייד;
די מעטאַלן פֿון אמונה, ווי פֿונסנײַ געקויפֿטע
אונטער פֿרײַע פֿענער און אין האַרץ אַרײַנגעשרויפֿטע.
שטאָלן פֿון אַמאָל מיט שטאָלן איצטיקע פֿאַרייִנט, פֿאַרלייִט.

ס'הערט מײַן אויער, ווי עס שטראָפֿט און מאָנט דער פּאַסטוך עמוס:
זאָל דער תּקיף, זאָל דער גבֿיר נישט אויפֿעסן דעם אָרעמאַן.
און ישעיה: שווערדן, שפּיזן, מעסערס, האַמערס, לאָמעס
זאָלן נישט פֿאַרשעמען ס'אײַזן מיט קיין שפֿיכת־דמים פּלאַן.
מולכו: גיט צוריק צו אונז די ערד פֿון אונזערע נשמות.
הערצל: קאָוועט ס'אייגן מזל, ווילט און ס'שווינדן אַלע יאָמערס.
לעקערט: מענטשן־חשיבֿות היט. אַ קריג דעם שמײַסער און טיראַן!

ס'לויפֿן אָט די פֿונקען פֿון דעם אַלטן פֿלאַם מיט גבֿורה
אין די אָדערן בײַ מיר, די בלוט־געפֿעסן פֿון מײַן שפּראַך.

112

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

זי, די וואַכיקע, באַהעפֿט די אָנהייבן אור־אורע
מיט איר עלטסטן כּהן, מיט איר ייִנגסטן דינער אויף דער וואַך.
קוקט מיט ווילן ערלעכן: עס לויכטן די פֿיגורן
פֿון דער ייִדישער יצירה אין איין המשך־שורה
מיט די לײַט די גרויסע, מיט די לײַט די קליינע פֿון תּנ׳ך.

וויפֿיל שׂרהס, וויפֿיל רבֿקהס, וויפֿיל רחלס, לאהס
קלאַפּן פֿון די ייִדיש־סטראָפֿן אין די גלײַכגילטיקע ווענט
פֿון אַ טעמפּן אומפֿאַרשטיין און פֿון פֿאַרסמטע דעות!
האָבן יוספֿן פֿאַרקויפֿט די ברידער מיט פֿאַררעטער־הענט?
האָבן אין דעם דוד־קאָפּ געשטורעמט עפּאָפּייעס
מיט צעשטראַלטע גאָט־וויזיעס, מיט העלע פֿאָלק־אידייעס?
אַלץ איז דאָ אין אונדזער וואָרט מיט אַשכּנזישן אַקצענט.

ב

דאָ האָב איך געחלומט מײַנע העזהדיקסטע טרוימען.
דאָ האָב איך באַנומען בעסער סײַ דעם תּולדות ייִד,
סײַ דעם מענטש אין מיר מיט זײַנע שפּרייטונגען און צוימען.
אין בלויז איין וואַגאָן פֿון סאָבוועי האָבן ראַסן צען פֿאַרשמידט
מיך אין זייער ענגשאַפֿט. איינע פֿון אַ סך געפּרעסטע פֿלוימען.
כ׳בין געווען אַ זאַך אָן רעכט צו כּעסן זיך און שוימען,
כ׳בין געווען אוים מענטש, אוים איך, אוים זילבן־זאַמלער פֿאַר אַ ליד.

נאָר כ׳בין אויך געווען אַ טייל פֿון גאַנצענעם האַרמידער,
זאָל אַפֿילו זײַן אַ שטריכל פֿון אַ מעשׂה־נוראָ בוך.
כ׳האָב געהערט דעם אָטעם און דעם פּולס פֿון לײַבער, גלידער
און אַ פֿינצטער ציטערן, אַ בלינדן קראַמף, אַ דומפּן סקרוך.
כ׳האָב אַליין געפֿיבערט און ס׳איז מיר געווען דערווידער.
נאָר ס׳האָט אויך אַ שטים געפֿליסטערט: דײַנע שוועסטער, ברידער.
כ׳האָב געוואוסט — כ׳בין איינס מיט זיי ביז מינדסטן פֿינגער אין דעם
שוך.

113

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

כ׳בין מיט אַלץ און אַלעמען פֿאַרקניפּט, דאָך איינציק־איינער.
נישט קיין טראָפּן אין אַ וואַסער, אויכעט נישט קיין זערנע זאַמד
אויף אַ ים־ברעג, צי אַ טײַך־ברעג, וואָס פֿון זעמדער־זערנעס שטאַמט.
איך בין אַלע מענטשן און דער עלנטער אַליינער,
און איך קאַטשע אויפֿן האַרץ אַזויפֿיל קשיות־שטיינער.
כ׳קלינג באַלד ווי דער דולער פּריץ־בטלן מיט די ביינער.
פֿאָרט איז אַלץ אויך אַנדערש. מײַנע וועגן זענען נישט פֿאַרצאַמט.

ווידער בין איך בײַ דעם אָנהייב: גינציק איז דאָס לאַנד דאָ
צו מײַן אַנטי־תּכלית בלוט, וואָס גיט אַ יאָג מיך אָפּט מיט האַסט,
גלײַך ווי לויט אַן אור־זיידעס צי אור־באָבעס קאָמאַנדע,
און איך ווער אַן אויסטערלישער אומבאַרויִקטער פֿאַנטאַסט.
אָבער כ׳טרוים נישט פֿון אַ שלאָס מיט אַ קרישטאָל־וועראַנדע,
אָדער פֿון אַ זיגערישער לאָרבערן־גירלאַנדע.
מיט מײַן פֿאָלקס באַגער, מיט אַלע פֿעלקערס נויט בין איך פֿאַרקנסט.

ריכטיק: כ׳קום פֿון חומש און איך שטאַם פֿון די בני־קדם.
בײַ די גויים איז מײַן יחוס בולט — פֿאָלנער אָריענטאַל.
נאָר דער יחוס, ווייס דער גוטער מלאך, ווייס דער שד אים,
איז אַמאָל אַ פֿאַלשער שופֿר מיט פֿאַלצעטאָ קוויטש און שאַל.
אויב מײַן בלוט פֿלאַמט אָפֿט מיט הייסן זאַמד פֿון מדבר אדום,
בינדן אויכעט מיך די קנופּן פֿון צען טויזנט פֿעדים
מיט דעם רוף פֿון מערבֿ. און איך וויל עס לויט מײַן פֿרײַען וואַל.

ס׳איז אַמעריקע דעם מערבֿס הויכער פּרווו און העכסטער שטאַפּל
פֿון דער בריאהס קלעטערן צו זיך און צו זײַן מענטשן־שטים.
קוקט נישט אויף דער בערזע, אויף קאָמערץ אין פֿרומען קאַפּל.
קוקט אויף דעם באַגער, וואָס רײַסט זיך אינעווייניק און אינטים.
ווי אַן אינספּירירטער שניצער שניצט דעם דינסטן צאַפּל,
יעדן שטריך פֿון פּנים, יעדן אָפּשײַן אין שוואַרצאַפּל,
פֿורעמט אַ געהיימע האַנט אָט דאָ דעם צלם אלהים.

כ׳זע אין נעפל פֿון דיעם נעכטן־הײַנט אַ זיכער פּלעמל.
מערער שוין ווי לאַנגע גורלדיקע דרײַמאָל הונדערט יאָר
האָבן מײַנע ברידער ספֿרדישע אין קליין געזעמל
דאָ מנוחה, שוין געפֿונען נאָך אַ שײַטערהויפֿן וואָר.
גיפֿטמישערס לרובֿ האָבן זיך געקליגט זינט דעמאָלט.
נאָר דער יצר טובֿ האָט העל געוואַכט און נישט געדרעמלט,
און פֿאַרטריבן טיף אין שאול אַרײַן דעם שׂטנס בייזן כאָר.

קאַפּיטל דרײַצן

ס׳יאָר איז נײַנצן צוועלף. אין קלינטאָן האָל אויף דער עסטראַדע
שטייט אַ יונגערמאַן. אַ שויבער האָר. אַ לאַנגע נאָז.
פּאַטאָס אין זײַן צימער־קול. אַ ביסל מאַרמעלאַדע,
און ער רעדט ווי ס׳וואָלט זײַן האַנט געצערטלט ליב אַ קידוש־כּוס.
(האָט געטראַכט פֿון וואַרשע, ווילנע, מינסק, אָדעם אַוודאי).
און ער ציט די ווערטער אין אַ פֿרומער סערענאַדע:
„כ׳בענטש דאָס לאַנד, וואו ס׳פֿאָלק מײַנס אָטעמט פֿרײַע זון און פֿרײַען חצות!”

פּרץ הירשביין האָט גערעדט. אַזאַ זײַן נוסח, אופֿן.
פֿול מיט יונגע אויגן און מיט האָפֿערדיקן האַרץ דאָס אָרט.
אים אַקעגן רײַסן זיך אמונה־הענט און ס׳לויפֿן
ווערטער וואַרעמע צו אים — הסכּמה מיט דער פֿרייד געפּאָרט.
אין די לופֿטן טאַנצן בלישטשענדיקע זילבער־שרויפֿן.
ס׳דאַכט זיך פֿון אַרום דאָ איז מען פֿון די גאַסן, הויפֿן
אַנגעלאָפֿן זאָגן אָמן אויף דעם דיכטערס ברכה־וואָרט.

איך אַליין בין ווינקלדיק געזעסן אין אַ זײַט דאָרט,
אײַנגעהערט זיך אין דעם טומל מונטערן, אין יונגן ברויז.

115 אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

פֿופֿציק יאָר אָן אײַנזען האָבן גיך־גיך אַלץ דערוויטערט,
נאָר דער עכאָ פֿון דער הירשבײן־ברכה לאָזט זיך גאָרנישט אוים.
שווערע יאָרן. וויפֿיל וואונדן האָבן זיך געאײַטערט!
נאָר פֿון אַלע נעכט הילכט הויך אַרוים און הייטערט:
דרײַסיק צענדלינג יאָר... דער פֿוס פֿון יצר טובֿ איז אַלץ פֿאָרוים.

איך בין מזרח, איך בין מערבֿ, כ׳בין אַמעריקאַנער
מיט דעמזעלבן האַרצשלאָג ווי איך בין אַ ייִד און ביידע — איינס.
מײַנע בלוטן טיילן נישט: אַזאַ צי אַנדער באַנער,
מײַנע טרערן ציילן נישט: הויך צי שפֿל, רײַכס, געמיינס.
איך בין מערבֿ, איך בין מזרח, אַזיער, אַפֿריקאַנער,
איך בין צפֿון, איך בין דרום, אויכעט אינדיאַנער.
איך בין מענטשטום־גורל, איך בין איטלעך פֿאָלק סײַ גרוים, סײַ קליינס.

ווען איך שרײַב דאָס טאָרעט אַ געדאַנק בײַם עלנבויגן:
איז דאָס לאַנד אַמעריקע בלויז זײַד־און־אַטלאַסן געוואַנט?
אַ מין קויש מיט ראָזע פֿערשקעס וואו אַלע טויגן?
אַ געזעץ־בוך וואו ס׳איז יעדע שורה פּרימאַ־עלעגאַנט?
כ׳ווייס, די שויב די לויטערסטע איז טונקל אָפֿט פֿאַרצויגן,
און חסרונות שווערע טוען ווי די טרייסטע אויגן.
כ׳לויב נישט קיין גן עדן. כ׳זע אַ וועג, וואָס פֿירט אי גוט אי קראַנט.

קאַפּיטל פֿערצן

כ׳טראָג אויף מײַנע לאָדזשער־לאָנדאָנער־ניו־יאָרקער פּלייצעס
נישט קיין הענגלען זיסע טרויבן, נישט קיין זעק אין גוטס געזאַפּט.
כ׳טראָג דעם שטויב פֿון וועגן אין געשפּאַן פֿון שווערע לייצעס.
ס׳האָט דער מוטנער אומצוטרוי מיט חשדים בײַ מײַן שוועל געשנאַפּט
און דער שקר האָט געהעצט מיט זײַנע זלידנע עצות.

116

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

וואו אַן אינזל גלויבן האָט זײַן קול געברומט: „פֿאַרפֿלייץ עס!״.
שלאַקסן האָבן מיך געיאָגט און ס׳האָט דער וויכער מיך געכאַפּט.

כ׳קלאָג זיך נישט. עס האָט אַמאָל אַן עלטערער כינעזער
אָט אַזוי דערציילט זײַן לאַנדסמאַן, קלוג דערציילט, אין זיך פֿאַרטראַכט:
אויף אַ וועג פֿון שטיינער שפּיציקע און שאַרפֿע גלעזער
האָב איך זיך געשלעפּט פֿון דעם באַגין ביז סאַמע נאַכט.
אַ פֿאַרמאַטערטער, צעשרויפּטער און דורך און דורך נערוועזער
האָב איך פּלוצים אין אַ הויב אַ גרײַלעך מיסטעריעזער
אָנגעגעגנט אַ קאַלדוניע און זי האָט צו מיר געלאַכט.

„זוכסט אַ האַרבעריק? אָט ציען זיך דרײַ קורצע וועגן.
ס׳לעבט אין איינעם אַ געניטער שטאַרקער און גאָר רײַכער מאַן.
קאָן דיר געבן אַלץ. אויף וואָס אַזוינס דו זאָלסט נאָר פֿרעגן —
ער פֿאַרמאָגט עס. ס׳איז פֿון פֿויגל־מילך בײַ אים פֿאַראַן.
אָבער אויב דו ווילסט פּאָזשיווען זיך פֿון זײַן פֿאַרמעגן,
מוזטו פֿאָלגן אים. קיין איינציק מאָל זיך נישט דערוועגן
אים צו צערענען מיט ווילן אייגענעם. ער הייסט טיראַן.

„אין דעם צווייטן האַרבעריק אַ שׂררה וואוינט, אַ ברייטער,
איז ער גאָר דער היפּוך. וויל דיר געבן אַלץ צו יעדער שעה.
האָט דרײַ טעכטערלעך, איז איינע שענער פֿון דער צווייטער
און קיין שענערע פֿון יעדער איז אין כינע גאָר נישטאָ.
צו אוּווירן יענעם זענען אַלע גרייט און גרייטער
אויב דו דאַרפֿסט אַ פֿוס־בענקל, צי גאָר אַ לייטער,
זאָג נאָר עפּעס און זיי באַמקען תּיכּף צו: יאָ־יאָ, יאָ־יאָ.

„וועסט אין דריטן האַרבעריק קיין פּלאָים נישט געפֿינען.
מענטשן, זאַכן אָן שום קונצן. ס׳קלאַפּט דער זייגער זײַן טיק־טאַק.
בלויז דײַן ווילן וועט באַשטימען סײַ אויף גראַד סײַ אין זיג־זאַג.
קיינער וועט דיר נישט באַפֿעלן, קיינער נישט באַדינען.

דאָרטן ביזטו מושל... — אָדער קינד, וואָס אין זײַן זינען
בויט עס און וואַרפֿט געבײַען, רײַסט און שפּינט געשפּינען,
שפּילט זײַן שפּיל מיט ערנסטקייט פֿון אַ פּראָפֿעסאָר אין אַ פֿראַק.

„און — האָט דער כינעזער דאָס דערציילט זײַנס פֿאַרענדיקט —
כ׳בין נישט קלערנדיק געגאַנגען צו אַכסניא נומער דרײַ״.
אויכעט איך האָב אויסגעוויילט אַזאַ מין וועג און וואַנדלונג.
כ׳האָב געשריבן נאָך אין יונגשאַפֿט, אין די יאָרן פֿון מײַן מײַ,
אַז מיר פּאַסט דאָס קיניג־קלייד, נאָר אָן צופֿיל פֿאַרשווענדונג.
האַוועז, האָרעווען דערפֿאַר — ס׳מעג מאַכן מיך ווי בלענדיק —
זייל מײַן ווילן נישט, און ס׳האַלט מײַן ווילן נאָך אַצינד דערבײַ.

ניין, איך קלאָג זיך נישט אויף שווערקייטן, צי אויף געפֿאַרן.
מײַן סימפֿאָניע האָט נישט דיריזשירט קיין זײַטיק־פֿרעמדע האַנט.
כ׳האָב אויך קיינמאָל נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך נאַרן
און אַ גלעזל־פּאַטשערקע באַטיטלען האָפֿערדיק — בריליאַנט.
ראובֿן, שמעון — זאָלן זיי זיך גילטן מעשׂה האַרן.
איך האָב בלויז דורך אַלע קראָפּעוועס געוואָלט זײַן אַהרן.
ס׳האָט אַמעריקע געלאָזט מיך, און דערפֿאַר אַ לויב דעם לאַנד.

קאַפּיטל פֿופֿצן

כ׳האָב געבראָדזשעט אין דעם שניי פֿון צפֿון מינעסאָטע,
און כ׳האָב אײַנגעזאַפּט דעם וואונדער־ריח פֿון מאַראַנצן־צוויט
אין פֿלאָרידע, קאַליפֿאָרניע. כ׳קען אויך גוט די בלאָטע
פֿון פֿאַרלאָזטע שטאַטן אָן געזונטן צודעק פֿון גראַניט.
אַלץ איז דאָ פֿאַראַן אַחוץ דער פּראָקטיקער נודאָטע
פֿון זשאַנדאַר־באַפֿעלן און פֿון קאָמיסאַר־חרטה.
אַלץ קאָן בײַטן דאָ דאָס שטענדיק יונגע, מונטערע געמיט.

118 אַמעריקע און איך

א. לעיעלעס

קענט איר די אַמעריקאַנער הענגענדיקע בריקן,
קענט איר אָט די האַרפֿן, וואָס עס זינגט אויף זיי דער שטײַפֿערווינט
זײַנע וואָגל־לידער בענקענדיק נאָך רו און תּיקון?
וואו די זון שפּילט אוים אין אײַלעניש, געשווינד
אירע גאָלד־אויף־שטאָל קאָנטאַקטעס מיט פֿאַרליבטע בליקן?
בריק — נישט אינזשעניערן־קונץ בלויז פֿון פֿאַבריקן,
נאָר אַ רינג, וואָס מעקט אָפּ שטח און פֿאַרשידנקייטן בינדט.

איך האָב אויך געבויט דאָ בריקן, קנופּן, בענדער
פֿון די דראָבנע טראַפֿן יִדישע צום היגן ברייטן שליאַך.
כ'האָב געשפּרײַזט אַריבער שטעט און שטעטלעך, שטאַטן, לענדער.
כ'האָב אַ נײַע וואָר געצונדן און געחלומט אויף דער וואָך.
אָפּטמאָל מיט דעם קאָפּ אין וואַנט, נאָר כ'האָב געהיט דעם שטענדער
פֿאַר דעם קול דעם אייגענעם דורך לאַנגער צײַטנס פֿאַרענדער.
מײַנע יִדיש־טראַפֿן האָבן זיך געגלײַכט מיט רײַכסטער שפּראַך.

וואָס אַזוינס פֿון דעם געשמאַקן פֿלאָדן עולם־הזה
האָט מיר דאָ אַ האַלב יאָרהונדערט אָפּגעשפּאָרט פֿאַר אַ געשאַנק?
ווייניקער ווי עס פֿאַרמאָגט אַ קינדס אַ פֿלאַפּל־פֿראַזע
פֿון דער חכמה, וואָס עס נעסטיקט אין אַ צײַטיקן געדאַנק.
און מײַן רום איז בײַ אַ פֿענסטער אַ דין־דינע וואַזע,
וואָס אַ ליאַדע ווינט אַ לאָבוז איז זי פּרעך מבֿזה.
און צי שטעקט נישט הינטער יעדן רום אַ ליץ־אוראַנגוטאַנג?

נאָר דאָס אַלץ איז הבֿל, מינערט נישט דעם דאַנק דעם שיינעם,
וואָס איך קום און זאָג דאָ אָפּט אַרוים מיט תּפֿילהדיקן טאָן,
צי עס ווייסן יאָ, צי נישט דאָ אַלע מײַנע שכנים.
כ'קום אַ דאַנק דער ערד דער גוטער סאַמע פֿון דעם אָנהייב אָן.
כ'קום דער היגער זון. און מער פֿון אַלץ די וואַזשנע זקנים,
יענע אַלטע אין פּאַרוקן, מיט דעם בליק דעם ריינעם,
מיט דעם גלויבן אין פֿאַרשטאַנד — פֿאַר אים צו שטעלן אַלץ אין קאָן.

119

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

אַט די נעמען — יעדער קען זיי, אַלע דאַרפֿן קענען.
גרויס־יחידים זעלבערט, האָבן זיי פֿון קליינעם מענטש געטראַכט.
אויף דעם זיגל פֿון מײַן ליבשאַפֿט בלישטשען זיי און ברענען
מיט די פֿאַרבן פֿון דעם הימלס פֿאָן, מיט רעגנבויגן פּראַכט.
זייער דרייסטער פֿינגער מאַכט צום שפּיגל מיך גענענען.
דאָרטן זע איך ייִד און מענטש ווי צווילינג זיך באַקענען
און דורך נעפּלען רופֿט אַ פֿרײַנדלעך וואָרט אין שוואַרצן מויל פֿון נאַכט.

אונטער די פּאַרוקן האָט געגליט אַ קלוגער שׂכל
און אַ קענטשאַפֿט פֿון דער מענטשאַפֿט, אירע טאָלן, אירע בערג —
ווי אַ שווייצער זייגער־מײַסטער אין זײַן מײַסטער־היכל
זעט פֿאַר זיך אַ שלל מיט זייגערס און קען איטלעכנס געוועררק.
פֿעסט און ציל־געווענדט, אַמאָל מיט וויסיק־כיטרען שמייכל,
האָבן זיי געמיט זיך ס'זאָל אָן צופֿיל בלוט און שטרויכל
זייער רעיון בלײַבן לעבן אָן געפֿערלעך פֿײַערווערק.

פֿראַנקרײַך האָט אין קראַמפֿן בייז פֿאַרטריבן די בורבאָנען,
נאָר אויך באַלד געשטעלט די גיליאָטינע אָפּצוהאַקן קעפּ.
און דערנאָך — די שטיוול־מאַרשן פֿון נאַפּאָלעאָנען
און די שווערד און באַיאָנעט אין יעדן הויז, אויף יעדער טרעפּ.
רוסן האָבן גיך מיט פּולעמיאָטן און קאַנאָנען
ענדלעך אויסגעבעזימט די ראָמאַנאָווס און — זיי קאָנען
אַלץ נישט טשישען דאָס געיעג אויף מענטש אין זייער וואַלד און סטעפּ.

אין אַמעריקע, ווען ס'האָט די שווערסטע זינד געגאָלטן,
ווען די נעגער־קנעכטשאַפֿט האָט די אָדערן געפֿילט מיט סם,
און דאָס גרויסע, פֿרײַע לאַנד אין צווייען שיער געשפּאָלטן,
איז געקומען לינקאָלן, זון פֿון פֿאָלק, אַ שפּאָן פֿון פּראָסטסטן שטאַם.
פֿיר יאָר האָט ער זיך אַליין פֿאַר יענעם מוז געשאָלטן,
אָבער קריג געפֿירט ביז אויסגעברענט דעם בייזן קאָלטן,
און דערנאָך פֿאַרזאָגט: גענאָד צו אַלע! היט דעם גלײַכהייט־פֿלאַם.

קאַפּיטל זעכצן

כ׳רעד פֿון טיפֿסטער עכטקייט מײַנער, זוך זי און פֿאַרטיידיק,
און כ׳האָב קיינמאָל פֿאַר מײַן זוכן נישט געזוכט בײַם פֿאָלק קיין לוין.
אויך נישט סתּם געמאָלן שפּראַך-מעל ווערטערדיק, פֿיל-ריידיק,
נישט געוווען קיין תּקיפֿדיקע מיל אויף באַרג אַריבער פֿלוין.
איך האָב קיינמאָל מײַנע יאָרן נישט צעבלאָזן ליידיק.
סײַ אין שעהן שווערע, סײַ ווען שעה געווען איז פֿריידיק,
איז דער עול געשטאַנען הינטער מיר, אַ וואַכיקער פֿאַרשוין.

לאַנגע יאָרן טראָג איך שוין דעם מיל-שטיין פֿון פּרנסה.
ס׳האָט מײַן פֿעדער נישט געריטעמט לידער בלויז, מײַן פּען — געזאַנג.
ס׳איז אַמעריקע. ס׳הענגט איבער קיינעם נישט קיין קאַסע,
נאָר זײַ מוחל, אַרבעט. ס׳איז דער דרך און נישט זוך קיין דאַנק.
כ׳אַרבעט נאָך. די פּראַצע קילט מײַן שטערן מיט איר ראַסע
און כ׳בין גליקלעך, וואָס איך דאַרף נישט זאָגן זיך: חטאתי,
ווײַל מײַן פּען האָט קיינמאָל נישט פֿאַרשעמט דאָס פּנים פֿון געדאַנק.

כ׳זע פּאַפּירן, גרויסע ראָלן, וויקלען זיך און וויקלען.
דאָרט פֿאַרשריבן איז מײַן פּראַצע און זי ווערט נאָך אַלץ געמערט.
ס׳האָט די זאַך אַ קלאָרן נאָמען: צײַטונג און אַרטיקלען.
כ׳האָב געשריבן וואָס עס האָט דער טאָג געבאָטן און באַשערט.
פּרוּווט די מאמר-קעפּלעך בלויז צוזאַמענשטיקלען
און איר קריגט אַ בוך פֿילבענדיק, יעדער באַנד היפּש דיקלעך.
ניין, נישט איך קיין פֿוילקייט-פּרעדיקער, קיין ליידיק-גיין עקספּערט.

כ׳ווייס, די שורות קאָנען אויסגרײַזלען אַ ממזר-שמייכל:
שרײַבן — אויך מיר פּראַצע! און דער שמייכל קאָן נאָך זײַן גערעכט.
כ׳ווייס גענוי און דאַרף נישט אָנפֿרעגן בײַם מלך אייכל,
אויך נישט ראָזענפֿעלדן, עדעלשטאַטן. ס׳קלינגט די טענה עכט.

121

אַ. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

ס׳איז געננג עס זאָל זיך אָפּשטעלן מײַן מאַנצביל־שׂכל
אויף דער נאָענטסטער שטוב, אויף אייגענעם פֿאַמיליע־היכל,
וואו די פּראַצע זאַמלט הויכע פּעק און צאַרטע רוקנס ברעכט.

ס׳האָט אַמאָל געזאָגט מײַן גוטע פֿרוי, ווען איך אַ מידער
נאָך דער אַרבעט בין געבליבן זיצן אויסגעשעפּט — אין קיך:
זיכער ביזטו מיד: אַרטיקלען, רעדעס, לעקציעס, לידער.
אויך נישטאָ די כּחות „מיידלשע”, עס שרײַבט זיך מער נישט גיך.
דאָך עס קומט אַ רגע, ענדיקסט אָפּ. פֿאַרמאַכט דער סידור.
אָבער מײַן אַרטיקל — קיך און טעלער, ווידער, ווידער,
אָן שום ענד. איך ווייס גאָרנישט ווען ס׳הייבט זיך אָן, ווען ס׳קאָנטשעט
זיך.

ווערטער ריכטיקע. ווי עס פּאַסירט גאַנץ אָפֿט מיט פֿרויען,
קנאָספּן אויס זיי אמתן, ווי וואונדן, פּינקטלעך, אַקוראַט.
נישט אומזיסט האָב איך דורך לאַנגע יאָרן מײַן פֿאַרטרויען
נישט פֿאַרלוירן צו דעם גוטס פֿון זייער זאָרג און טאַט.
מאַנצביל — כ׳האָב מיט זיי געקריגט זיך אָפֿטמאָל ביז שגעון,
בריות אויף געשלעגן, גריבער־פּאַסטקעס אויסצוראָיען.
פֿרויען לײַדן מער געלאַסן, העלפֿן אויך מער דעליקאַט.

אין מײַן לעבן האָבן שטענדיק ראַשיקער ווי שטילער
זיך גערעדלט די אַטאָמען. נאָר צי רויִק אָדער ניט,
האָבן פֿרויען מיט אַ האַנט פֿון איידלקייט סובטילער
אויסגעגלעט די קאַרבן פֿון מײַן מערסטנס וואונדיקן געמיט.
כ׳האָב געהאַט אויך מזל. כ׳וועל נישט, ווי ס׳האָט פֿרידריך שילער,
דאָ מטריח זײַן דעם הימל. כ׳זאָג אַ ביסל קילער:
אָן די פֿרויען וואָלט נישט אויפֿגעוואַכט די יונגשאַפֿט פֿון אַ ליד.

ס׳מזל האָט געגינציקט. אויך אין האַרבסט שוין היפּשלעך שפּעטן
האָט דאָס פֿרוי־געמיט געוואַרעמט און געליכטיקט און גע׳חנט.

וועמ קאָן נאָך אַזוי צו רעכטער צײַט מיט טרײַהייט טרעטן?
צי כ׳האָב הויך געלאַכט, צי אומגעזען אין זיך אַמאָל געוויינט
(ס׳איז באַנאַל שוין: ראַפּטעם בײַט זיך ס׳וועטער בײַ פּאָעטן)
האָט מיר סאָפּי מיט אַ קוק בלויז, אָן אַ וואָרט גערעדטן
באַלד געלאָזן פילן, ווי איר לעבן איז מיט מיר פֿאַרייִנט.

ס׳האָט אַ נבֿיא אונז געגעבן חנהס מוטער-תּפֿילה.
אַ ספּאַרטאַקער מאַמע האָט פֿאַרזאָגט איר זון צו זײַן אַ העלד.
נאָר וואָס ווייס מען וויפֿיל האַרציקע געבעטן שטילע
זענען אײַנגעוועבט אין לידער פֿון פּאָעטן אויף דער וועלט?
כ׳מיין די דיכטערס ווײַבער, מערסטנס נישט באַקאַנט אַפֿילו.
נאָר אַלץ איינס: אַ פֿייגע, פֿרומע, שׂרה, צבֿיה, צילע
ריזלט אין די דיכטער-שורות און געהיים דאָרט העלט און קוועלט.

כ׳וועל זיך אומקערן פֿון דער דערווײַליקער אַכסניא
וואו ס׳האָט מײַן געדאַנק געהאַט מיט זיך אַליין אַן אינטערוויו,
צו דעם ענין: כ׳קען געניי דעם טעם פֿון האָרעוואַניע,
קיינמאָל נישט פֿאַרוויגט זיך מיט דעם דרעמל-זמרל: ליו-ליו.
נישט אין דעם אַנטלויפֿן פֿון דער דאַרער לחמא-עניא,
נישט אין יאָגן זיך נאָך בלישטש און פֿליטערלעך-קאָמפּאַניע
דאַרף מען זוכן מײַן כּוונה, נײַערט ערגעץ אַנדערשוואו.

קאַפּיטל זיבעצן

כ׳בין אַמאָל געפֿאָרן, ס׳איז געווען אין אָקטאָבער,
אויף די פּאַרק-וועגן פֿון מאַסאַטשוזעטס, זעטיק בלעטער-לאַנד.
אַלצדינג פֿלאַקערט. פּאָמס און פּורפּור, אָראַנזש, גאָלד, צינאָבער.
פֿילקאָליריקע מנורות. פֿײַער בלענדט און פֿײַער שפּאַנט.

123

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

איז דאָס אַלץ אַ מין פּאַראַד פֿון גרויסן אונטערגראָבער,
אָדער ברען פֿון מעשׂה־בראשית? אפֿשר ביידע? ... אָבער —
זענען אײַך נישט צויבער־לאָמפּן, ליכטער אַנדערע באַקאַנט?

מיט חבֿרים בין איך אין אַ פֿרילינג־נאַכט געשטאַנען
אויף דעם סאַמע שפּיץ פֿון קיניגלעכן באַרג אין מאָנטרעאָל.
ווי עס וואָלטן אונטן פֿון פֿאַרבאָרגענע פֿאָנטאַנען
זיך געגאָסן שטראָמען שײַן און מיט געהיימען אָרעאָל
דורכגעשימערט די גראַנאַטענע און טיפֿע לאַנען
פֿון דעם אָוונט. און — דו האָסט געזען באַהעלטע שוואַנען
אויף אַ שוואַרצן באָך. די שטילקייט האָט געתּפֿילהט לויט איר קול.

פֿון אַ גלעזערנער הויך־אויפֿגעמויערטער טעראַסע
אין דער ברייט־צעשפּרייטער און צעפֿאָרענער לאָס־אַנדזשעלעס
האָב איך לאַנג געקוקט אַראָפּ אויף די בולוואַרן, גאַסן.
דאָס איז שוין געווען אַן אויסטערלישער הימלדיקער נס.
הימל אין קאַפּויער. שטערן שאַרפֿע, שטערן בלאַסע,
גאַנצענע פּלעיאַדן און גאַלאַקסן אין אַ מאַסע
סאַלוטירן מיך. און איך? כאָטש שפּרינג אַראָפּ און אַלץ פֿאַרגעס.

ווען מען קוקט בײַנאַכט אַראָפּ פֿון אַ ניו־יאָרקער פֿענסטער
ערגעץ פֿון אַ הויכן שטאָק אין, לאָמיר זאָגן, עמפּײַער־סטייט,
בלישטשען, פֿינקלען אויף סײַ פֿײַער־פֿליגן, סײַ געשפּענסטער,
רוחות, גײַסטער אַלערליי, פֿאַנטאַסטיש דול און ווילד צעדרייט.
ס'פֿינקלט. צום גן־עדן, צום גהינום דאָ גענענסטו,
אַלע שרעטעלעך פֿון חשק פֿינקלען — ביז די קלענסטע.
ס'פֿינקלט גרויס־שטאָט, ס'פֿינקלט קראַנקער מענטש־פֿאַרמעסט מיט
גאָטס באַשייד,

איצטער נײַע ליכטער. סאַטעליטן און ראַקעטן.
פֿלי־רײַזעס געפּלאַנטע צו לבֿנה, ווענוס און צום מאַרס.

א. לעיעלעס
124 אַמעריקע און איך

גרעסטע לענדער, שטאַרקסטע שטאַטן לויפֿן אין געוועטן
ווער ס'וועט פֿריער אײַנבייסן דאָס שטח־רעטעניש, דעם האַרם.
ברענען אויבן פֿײַערן פֿון אימפּעטיקע דזשעטן,
פּלאַצן פֿײַערן נאָך העכער, צווישן די פּלאַנעטן
און דו פֿרעגסט זיך: איז עס לעצטע מענטש־קאָמעדיע, לעצטער פֿאַרס?

ניין, נישט פֿאַרס און נישט קאָמעדיע. ס'איז סוף־סוף צום גוטן.
ליכט איז אָנהייב. ליכט איז אַלף. איבער אַלץ — געדאַנק,
דורכגעפֿילטערט, דורכגעזיפּט מיט טויזנט ריינע בלוטן
פֿון געפֿיל, וואָס קאָן אַליין זײַן סאַמע אומרײַנסטער פֿאַרלאַנג.
כ'קלער נישט קיינעם קיין שום אויסטערלישקייט אָנצומוטן,
נאָר מיט ליכט און מיט מחשבֿה בין איך אַ מחותּן.
ווער האָט עס געזאָגט „יהי אור!"? וואו שטייט עס שוין פֿאַרשריבן
לאַנג?

איך אַליין, כ'וועל אויף דעם לעצטן גוטס זיך נישט דערוואַרטן.
ס'וועט אַ גרויסע בענטשונג זײַן, ווען ס'וועט דאָס לעצטע בייז
נישט באַפֿאַלן מיך מיט האָגלען היץ פֿון דעם צעשאַרטן,
פֿרײַ־געלאָזטן אור־שטאָף אין דעם קאָסמאָסדיקן אַלף־בית.
ס'זענען הינט פֿאַראַן שמאָל־מאָרדיקע. זיי הייסן כאַרטן —
כ'זע אַזוינעם מיט אַ פֿײַער־שנוק אַן אײַנגעשפּאַרטן,
ער באַשמעקט מיך בייז און איינס און צוויי בין איך אַ בלעזל שוויים.

קאַפּיטל אַכצן

אויף דער שיף דואיליאַ פֿאָר איך פֿריילעך קיין נעאַפּאַל.
גרין איז דער אַטלאַנטיק, בלאָ דער ים־התיכון, מיטלאַנד־ים.
כ'פֿאָר מיט הייטערקייט און מיט דערוואַרטנדיקן צאַפּל.
ס'ליגט דער ים הגדול שטילינק — אַ לאַגאָדנער, בלאָער לאַם.

125

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

ס'פֿאָרט אויך מאָרים סעמיועל. ער איז זיך רק מטפל
מיט געשיכטע, מיט איר דריי און ווענד אויף יעדן שטאַפּל.
ווער קאָן וויסן — זאָגט ער — אַז דאָ יעדער טראָפּן איז אַ פֿלאַם?
טאַקע. ס'איז דער בלאָער לאַם אין תּוך אַ בייזער טיגער,

אַ פֿאַרצוקער פֿון אַן אומענד לענדער, פֿעלקער, שטאַמען, שטעט.
מיצרים און צידונים, גריכן, רוימער — וויפֿיל קריגער,
וויפֿיל שחיטות, וויפֿיל שׂמחות, וויפֿיל שלאַכטן און געשפּעט.
וויפֿיל ייִדיש אומגליק דאָ געמישט מיט גליק פֿון זיגער.
ס'שעפֿעלע, וואָס ליגט זיך אומשולדיק ווי אַ נישט-היגער,
האָט געקוילעט און געפֿרעסן גאַנצע ראַסן פֿרי און שפּעט.

נאָר איך לאָז די כראָניק פֿון געוואַי און פֿון באַטאַליע.
כ'וויל אַ קוק טאָן אויף די גלאָריעס: רוים, ווענעציע און פֿלאָרענץ,
טועם זײַן די מײַסטערס פֿון באַזונגענער איטאַליע
מיט די נעמען ווי מוזיק און מיט די קעפּ אין לאָרבער-קרענץ.
כ'האָב געזען. נישט קונסט בלויז. אויך די כוואַליע נאָך אַ כוואַליע
רויטס-געווייקטע רוצחים. ס'האָט דאָס בילד געמאַכט מיר קאַליע
גאָר די קונסט. אויך די פֿאָנטאַנען מיט דעם קונץ פֿון וואַסער-טענץ.

כ'בין אין רוים געווען אין שימער-גלימערדיקן יוני.
רוים איז שטענדיק שיין, נאָר אָט דעם חודש — ווי אַ ריזן-רויז
אַ קאָליריקע וואָלט דאָ זיך אין דער טיבער-שכונה
ברייט צעעפֿנט מיט פּאַרפֿומען און באַשפּרינקלט טיר און הויז.
שווימען קלויסטערס, מאָנומענטן מיר פֿאַרבײַ משונה,
אָבעליסקן שטײַפֿן זיך צום הימל מעשׂה סטרונע,
און די טיטוס-אַרקע רײַסט מיר גרײַלעך אַ שטיק האַרץ אַרויס.

נאָר עס זוכן עפּעס אַנדערש מײַנע פֿיס בײַם שפּאַנען
אין דער הויפּט-שטאָט פֿון איטאַליע, אין דער שטאָט פֿון זיבן בערג.
אויף דער פּיאַצאַ, וואָס טראָגט שפּאַניעס נאָמען, איז פֿאַראַנען

126

א. לעיעלעס

אַמעריקע און איך

אַ סקאַליעראָ, אַ געפֿלעכט פֿון טרעפּן, אַזאַ שטיגן־ווערק,
פֿול מיט בלומען, וואָס עס דאַכט זיך קאָנען גאָרנישט וויאַנען.
הײַנט די רויזן — גאָט האָט בלויז געקאָנט אַזוי־וואָס פּלאַנען.
די קאָליר און אַראָמאַט — דער סוד פֿון גוף־און־גײַסט־געווערק.

כ׳האָב געוואוסט: דאָס הויז פֿון קיטס און שעלי איז דערנעבן.
לאַנג געזוכט, געבלאָנדזשעט. כ׳האָב אַ בלום־פֿאַרקויפֿערין געפֿרעגט.
„יאָ, נישט ווײַט. נאָר קויפֿט אַ רויז. אין אירע בלעטלעך לעבן
צוויי נשמות. ליבע און פּאָעזיע”. כ׳האָב זיך נישט דערוועגט
נאָך אַזוינע ווערטער אָפּצוזאָגן. וואָס איז ס׳שטרעבן
פֿון פּאָעטן, אויב נישט, אַז דאָס פֿאָלק אַליין זאָל וועבן
מיפֿן, שפּרוכן אַרום זיי? איך האָב אַ רויז אין לאַץ פֿאַרשטעקט.

כ׳בין אַרויף אין הויז. היפּש טונקל. מעבל אַלט און אָרעם.
בילדער, ביכער, מאַנוסקריפּטן, דאָ און דאָרט אַן אויטאָגראַף.
כ׳האָב געלייענט. ענגלענדער, אַליין שוין שפּײַז פֿון וואָרעם;
אויך אַמעריקאַנער, רוסן און פֿראַנצויזן. — קיין געלאַף
האָט זיך נישט געמערקט פֿון מזרח, מערבֿ, צפֿון, דרום.
„ליבע און פּאָעזיע”. עכטקייט אָדער מסחר־פֿאָרעם?
כ׳האָב אין גאַסט־בוך אײַנגעשריבן מײַן פֿאַרדראָס מיט יידיש כּתב.

ווידער בין איך אויף דער פּיאַצאַ. העלער ברענט דאָס וואונדער
פֿון די אויסטערלישע רויזן אויף דער פּיאַצאַס בלומען־טאָרג.
כ׳קאָן מײַן בליק נישט אָפּרײַסן פֿון זייער פּלאַם איצונדערט.
כ׳קויף אַ בינטל רויזן און איך שיק עס ראַפּטעם קיין ניו־יאָרק.
מיטאַמאָל ווערט ס׳גאַנצע רוים מיר פֿרעמד און אָפּגעזונדערט:
אַן אַנטיקן־מאַרק פֿון אַ פֿאַרליגנערטן יאָרהונדערט,
דול געפּילדער פֿון אַ ווילדער, וויסטער וועלט אַרום אַ מאָרג.

מאָרג... ס׳האָט מוסאָליני דעמאָלט שוין אויף גרויסן שטייגער
נײַע קבֿרים האָפֿעדיק געגרייט לויט אַ פּיראַטן־פּלאַן.

127 אַמעריקע און איך

א. לעיעלעס

ס'האָט אין אים געדולט אימפּעריע מיט איר טויטן זייגער,
און ער האָט געוואָלט צוריקברענגען דעם רום פֿון וועספּאַסיאַן
צי פֿון נעראָן און פֿון יעדן אַנדערן צעלייגער
פֿון רוימס גדולה. מוסאָליני — אָט דער שאַנד־קטיגור
פֿון זײַן אייגן לעבן, אָט דער מאָפּס פֿון דעם טיראַנען־קלאַן.

און צו צפֿון האָט געגרעוועט שוין די חיה־רעה
פֿון די דײַטשע דזשונגלען און געברענט מיט מענטשן־פֿרעסער סם
זין און פֿאָטערס פֿון דער אומה מיט די אויגן בלאָע;
פֿון דער אומה, וואָס נאַטירלעך, ווילק ווערט אַ קוילער־שטאַם
און פֿאַרפּוצט זיך מיט אַ וויסטער שאַלקהאַפֿטער הנאה
אין דעם הענקערס רעק און מיצן — שוואַרצע אָדער גראָע.
פֿונקען האָבן שוין געשפּריצט פֿון קומענדיקן פֿײַער־ים.

מעגלעך, אַז כ'האָב יענעם טאָג דעם חשק אָנגעוואוירן
צו אייראָפּע — אירע דענקמעלער, אַנטיקן, לענדער, שטעט.
דײַטש־ערד וועט מיך ברענען פֿון דער פּיאַטע ביז די אויערן.
אויף איטאַליע הויערט, וואו מען קערט זיך, יענער ווילדער חטא
מיט דער גאַנצער נאָכשלעפּונג פֿון מוסאָלינים טכוירן.
כ'ווייס אַליין נישט, נאָר ווי ס'וואָלט מיך אימיצער באַשוואוירן —
כ'בין שוין נישט געפֿאָרן מער אַהין — צעריסן און געגט.

ס'האָט אַ שאַרפֿע בענקשאַפֿט מיך אַרומגעכאַפּט אָן־ענדיק
נאָך אַמעריקע. אַוועק פֿון אייראָפּעיִשן אַרכיוו,
וואו די אַלטע בלוט־פֿעסער געבערן נײַע שטענדיק.
כ'וויל דעם ים שוין שנײַדן אויף צוריק. כ'וויל קוקן פֿון דער שיף
ביז עס וועט זיך ווײַזן ליב און היימיש, רײַך און בלענדיק
מײַן מאַנהעטנס הימל־ליניע... און אַזוי פֿאַרענדיקט
איז מײַן זינג־וואָרט צו אַמעריקע, מײַן האַרץ־צו־האַרצן בריוו.